YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv07i45

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 7 Issue 45
November 1925

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 7, Iss. 45)

Keywords

International Ladies’ Garment Workers’ Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies’ Garment Workers’ Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/340

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)
אָן מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט אָפּלאָזען.

אַרבייטער פון אַלע לענדער, פאַראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אָפּיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל לידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן

Vol. VII. No. 45. New York, Friday, November 6, 1925 פרייטאָג, 6טען נאָוועמבער, 1925 PRICE 3 CENTS

צו דער ווידער־עפענונג פון אינטערנעשאַנאַל אַרבייטער אוניווערזיטעט

שבת אָוונט, דעם 14טען נאָוועמבער אין אודיטאָריום פון דער וואַשינגטאָן אירווינג הײ־סקול. — סאַשאַ דזשייקאָבסאָן און זשיטאַ גלאַס וועלען זיך באַטייליגען אין קאָנצערט. — אָנגעזעהענע מענשען פון דער אַרבייטער עדיוקיישאַנאַל באַוועגונג וועלען אַנוועזענד זיין.

די ווידער ערעפענונג פון דעם אינטערנעשאַנאַל אַרבייטער יוניווערזיטעט וועט געפייערט ווערען קומענדען שבת אָוונט, דעם 14טען נאָוועמבער, אין דעם גרויסען אודיטאָריום פון דער וואַשינגטאָן אירווינג הײ־סקול, אירווינג פּלייס, צווישען די 16טע און 17טע גאַסען. גלייכצייטיג וועט דורך דעם אויך געפייערט ווערען דער אַכטער יאָהר פון דער עדיוקיישאַנאַל טעטיגקייט פון אונזער אינטערנעשאַנאַל, און אויך פון דעם ערפאָלג פון דער עדיוקיישאַנאַל טעטיגקייט אין דער אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג. אונזער אינטערנעשאַנאַל. לידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן איז געווען די ערשטע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע דאָ אין לאַנד וואָס האָט אָנגעפאַנגען אַן עדיוקיישאַנאַל טעטיגקייט צווישען די מיטגלידער, און מ'ר מעגען שטאָלץ זיין מיט דעם ערפאָלג וואָס די באַוועגונג האָט געמאַכט, מיט דעם פּאָרטשריט וואָס זי האָט געמאַכט אין דער אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג בכלל.

לכבוד דעם יום טוב, ווערט געגעבען אַ שעהנער קאָנצערט, אין וועלכען עס וועלען זיך באַטייליגען אַזעלכע באַריהמטע קינסטלער ווי סאַשאַ דזשייקאָבסאָן, פידעל־שפּילער, זשיטאַ גלאַס, סאָפּראַנאָ זינגערין און נאָך אַנדערע. עס וועט דורכגעפיהרט ווערען אַ גרויסאַרטיגער מוזיקאַלישער פּראָגראַם פון קלאַסישע מוזיק, און אויך פון רוסישע, אידישע און איטאַליענישע פאָלקס־לידער. נאָך דעם קאָנצערט וועט מען אַרגאַניזירען אין דער דזשימנייזיום פון דער סקול, וואו אַן אָרקעסטער וועט שפּילען און מען וועט טאַנצען און פאַרברענגען.

צו דער געלעגענהייט וועלען זיך צונויפקומען די מיטגלידער פון אונזערע לאָקאַלס מיט זייערע פאַמיליעס, די באַאַמטע פון דזשאָינט באָארד און פון די לאָקאַל יוניאָנס, און אויך פּראָמינענטע מענשען פון דער אַרבייטער עדיוקיישאַנאַל באַוועגונג איבער'ן לאַנד.

די מיטגלידער פון דעם סטודענטען קאָונסיל, באַשטעהענד פון די סטודענטען פון דעם אינטערנעשאַנאַל אַרבייטער־אוניווערזיטעט און די יוניטי סענטערס, וועלען זיין די „אַשערס" און זיי וועלען פאַרטיילען צווישען עולם אַ פּאַמפּלעט.

(שלוס אויף זייט 12).

סעק. באַראָף פאָדערט אויף די לאָקאַלס צו פּאַסען קאָנווענשאָן רעזאָלוציעס

ברודער אב. באַראָף, גענעראַל סעקרעטאַר־טרעזשורער פון אונזער אינטערנעשאַנאַל יוניאָן, האָט לעצטע וואָך אַרויסגעשיקט אַן אָפּיציעלען סטייטמענט צו די לאָקאַלס, אין וועלכען זיי ווערען באַאויפטראַגט, זיי זאָלען גלייך צוטרעטען צו דער אַרבייט צו פאַרפּאַסען די קאָנווענשאָן־רעזאָלוציעס וואָס זיי ווילען פאָרברענגען פאַר דער קאָנווענשאָן, וואָס וועט זיך עפענען דעם 30טען פון דעם מאָנאַט.

דער סטייטמענט לייענט זיך ווי פאָלגט:

„צו אַלע לאָקאַל יוניאָנס פון די א. ל. ג. וו. י.

„זייט געגריסט!

„מיר ווייסען שוין פון ערפאַהרונג, דאָס די רעזאָלוציעס וואָס ווערען אַריינגעבראַכט אויף אַ קאָנווענשאָן, צו זיי זיינען פון דעלעגאַטען אָדער פון לאָקאַלס, זיינען זיי, געוועהנליך אין אַזאַ פאָרם, וואָס עס דאַרף פאַרנעהמען גענוג צייט זיי בעסער אויסצואַרבייטען און טייפּרייטען.

„מיר האַלטען דעריבער פאַר נויטיג אייך צו לאָזען וויסען, איהר זאָלט אַזוי גוט זיין און באַלד אַריינשיקען אין אָפּיס פון דער אינטערנעשאַנאַל אירגענד וועלכע רעזאָלוציע וואָס איהר ווילט פאָרשלאָגען אויף אונזער קומענדער קאָנווענשאָן. דאָס וועט אונז געבען אַ געלעגענהייט צו טייפּרייטען די רעזאָלוציעס, זיי ברענגען אין דער ריכטיגער אָרדנונג און זיי וועלען קאָנען אָפּגעדרוקט ווערען אין די קאָנווענשאָן־מינוטס פון די ערשטע טעג פון אונזער קאָנווענשאָן. דאָס וואָלט איינשפּאָרען דער קאָנווענשאָן אַ סך צייט.

„איהר ווערט אויך געבעטען באַלד צוצושיקען אין אָפּיס פון דער אינטערנעשאַנאַל די קרעדענשאַלס פון די ערוועהלטע דעלעגאַטען.

„מיט דער האָפנונג, אַז איהר וועט נאָכקומען דעם פאַרלאַנג, און דאָס איהר וועט עס אויך לאָזען וויסען אייערע ערוועהלטע קאַנדידאַטען, פאַרבלייב איך מיט ברידערליכן גרוס, אייער,

אברהם באַראָף,
גענ. סעק.־טרעזשורער א. ל. ג. וו. י.

א נייער מעדיקאַל קליניק אין יוניאָן העלט סענטער

וויפיל זיינען דאָ צווישען די נאָדעל־אַרבייטער, וואָס לײדען ניט פון העמאָרידען? דאָס איז אַ חולאת פון וועלכע עס לײדען אַמאַיינסטענס די וואָס זיצען אַ סך, די וואָס זיצען ביי דער אַרבייט. דיזע מענשען לײדען דאָס רוב פון העמאָרידען און נאָך אַנדערע רעקטום טראָבעלס, ווי פּיסטילאָס, פּיזשורס, בייסענס א. אז. וו.

און כדי צו העלפען די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאַנאַל וואָס לײדען פון דער קראַנקהייט, און העלפען זיי אויף אַ געהעריגען אופן, האָט דר. פּריס געעפענט אַ נייעם קליניק אין דעם יוניאָן העלט סענטער, אַ קליניק וואָס וועט זיך אָפּגעבען ספּעציעל מיט די רעקטום קראַנקהייטען. דער קליניק געפינט זיך אין דעם יוניאָן העלט סענטער, 131 איסט 17טע גאַס.

דער נייער קליניק וועט זיין אָפען יעדען דינסטאָג, פון 5 ביז 7 אזייגער פאַרנאַכט. ספּעציאַליסטען דאָקטוירים וועלען דעם קליניק אַטענדען, פאַר עקזאַמינײשאַנס, טריטמענט און אָפּעראַציאָנען. די וואָס לײדען פון דער קראַנקהייט זאָלען זיך מעלדען אין אָפּיס פון יוניאָן העלט סענטער, אויף דעם פריהער אָנגעגעבענעם אַדרעס.

דעם דאָנערשטאָג, דעם 5טען נאָוועמבער, פייערט דער יוניאָן העלט סענטער זיין פינף יאָהריגען יובילעאום אין זיין איינענער היים און דער נייער קליניק וועט

(שלוס אויף זייט 12).

קליוולאַנד קלאָוקמאַכער יוניאָן באַנייט אַגרימענט פאַר אַ יאָהר צייט

פּרעזידענט זיגמאַן אַנוועזענד ביים מיטינג פון דזשאָינט באָארד, וואָס הייסט גוט דעם סעטעלמענט.

אין דער צייט, וואָס מיר געהען צום פּרעס מיט דער צייטונג, האָבען מיר באַקומען די נייעס, אַז דער טרייד אַגרימענט אין קליוולאַנד, צווישען דער קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן און דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן, איז באַנייט געוואָרען פאַר אַ יאָהר צייט.

ווי די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" ווייסען, האָט עס געהאַלטען אין קליוולאַנד בעפאַר אַ שטורעם, און עס פרעהט אונז צו הערען, אַז דער שטורם איז פאַריבער און דער טרייד אַגרימענט איז באַנייט געוואָרען אויף אַ פרידליכען אופן.

דאָנערשטאָג, דעם 29טען אָקטאָבער, האָט דער קליוולאַנדער דזשאָינט באָארד אָפּגעהאַלטען אַ מיטינג, און אויף דעם מיטינג איז באַשלאָסען געוואָרען צו געבען „פול פּאַוער" דער קאָנפערענץ־קאָמיטע פון דער יוניאָן צו קומען מיט דער אַסס'ן צו אַ פאַרשטענדניש וועגען באַנייען דעם אַגרימענט, און דאָס איז דער קאָנפערענץ־קאָמיטע געלונגען, — מען איז געקומען צו אַ פאַרשטענדניס און דער אַגרימענט איז באַנייט געוואָרען פאַר אַ יאָהר צייט.

דעם מאָנטאָג, דעם 2טען נאָוועמבער, איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ ספּעציעלער מיטינג פון דעם קליוולאַנדער דזשאָינט באָארד, צוזאַמען מיט די לאָקאַל עקזעקוטיוו באָאַרדס, אויף וועלכען די קאָנפערענץ־קאָמיטע פון דער יוניאָן האָט פאָרגעלעגט דעם סעטעלמענט מיט די באַלע־

(שלוס אויף זייט 12).

אינהאַלט פאַרצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 45

זייט 2. וועגען די וואַהלען צו דער קאָנווענשאָן אין לאָקאַל 23 — ל. פּינקאָווסקי. אַ סטייטמענט — אב. באַראָף.
זייט 3. אין דער קלאָוק און ריפער אָפּערייטאָרס יוניאָן לאָקאַל 2 — דזש. באַרוכאָוויטש. עדיוקיישאַנאַל דעפּאַרטמענט. אינטערנעשאַנאַל קאַלענדער — ה. סקולמאַן.
זייט 4. מיטינג פון די געזוערקשאַפטען — א. פּיינסטאָון. פאַרשידענעס.
זייט 5. אַ בראַוויצער צייטונג — מרים קאַרפּילאָוו. דער רעגענשירעם (פעליעטאָן) — ז. ווהילער.
זייט 6. עדיטאָריעלע נאָטיצען.
זייט 7. דער סטרייק פון די קוילען־מיינערס — דזשאָהן ל. לואיס. קעניגרייכען — נפתלי גראָס.
זייט 8. צוויי אַנשויאונגען וועגען וויידזשעס — דר. הערמאַן פראַנק. קורץ און שאַרף — י. ב. ג.
זייט 9. קורצע שמועסען.
זייט 10. אַדווערטייזמענטס. זאַכען גוט צו וויסען.
זייט 11. שלוסען אין אַדווערטייזמענטס.
זייט 12. שלוסען פון זייט 1.

גרויסע צאָל מיטגלידער באַטייליגט זיך אין די וואַהלען אין דער קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן

די דזשענעראַל וואַהלען אין דער קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן, פאַר אַ גענעראַל מענעדזשער און פאַר ביזנעס־אייגענטס, האָבען אַרויסגערופען פיל אינטערעס ביי די מיטגלידער. אין די וואַהלען האָבען זיך באַטייליגט קנאַפּע ניין טויזענט מיטגלידער פון די קלאָוק און דרעסמאַכער לאָקאַלס.

די וואַהלען זיינען פאָרגעקומען פאַרגאַנגענעם דאָנערשטאָג, און מען האָט געשטימט דעם גאַנצען טאָג, פון 7 אין דער פריה ביז 8 אזייגער ביינאַכט; און ווען די פּולינג פּלעצער זיינען געשלאָסען געוואָרען, האָט מען זיך באַלד גענומען צעהלען די שטימען. די עלעקשאָן קאָמיטע האָט געוואָלט, אַז דער רעזולטאַט פון די וואַהלען זאָל באַריכטעט ווערען צום מיטינג פון דעם דזשאָינט באָארד, פרייטאָג אָוונט, און די קאָמיטע האָט געאַרבייט „אָווערטיים" און מען האָט געצעהלט די שטימען דאָנערשטאָג די גאַנצע נאַכט, ביז פרייטאָג נאָכמיטאָג.

אויף דעם מיטינג פון דזש. באָארד, פרייטאָג אָוונט, האָט די עלעקשאָן קאָמיטע אָפּגעגעבען אַן אָפּיציעלען באַריכט וועגען דעם רעזולטאַט פון די וואַהלען.

דער באַריכט איז גוטגעהייסען געוואָרען. אויף דעם מיטינג פון דזשאָינט באָארד זיינען די ניי־ערוועהלטע באַאַמטע אינסטאַלירט געוואָרען און מאָנטאָג אין

(שלוס אויף זייט 12)

וואַהלען פאַר קאָנווענשאָן דעלעגאַטען פון לאָקאַל 22 דעם דאָנערשטאָג

אינסטאַליישאָן פון די באַאַמטע פון לאָקאַל 35 דעם מיטוואָך.

די וואַהלען פאַר דעלעגאַטען צו דער קאָנווענשאָן פון אונזער אינטערנעשאַנאַל, אין דער דרעס און ווייסטמאַכער יוניאָן, לאָקאַל 22, וועלען פאָרקומען דעם דאָנערשטאָג, דעם 5טען נאָוועמבער. די וואַהלען וועלען פאָרקומען אין די פאָלגענדע פּלעצער:

אין ברייענט האָל, אויף דער זעקסטער עוועניו, צווישען 41טע און 42טע סטריטס.

אין אָפּיס פון דער דרעסמאַכער יוניאָן, 16 וועסט 21טע סטריט.

אין בראַונזווילער לייבאָר לייסעאום, 219 סעקמאַן סטריט, בראַונזוויל.

ווי עס איז איצטער דער שטייגער, האָבען די „לינקע" אויסגעמאַכט אַ „סלייט" פון זייערע מענשען, און עס ווערט אָנגעפיהרט אַ ברייטע אַגיטאַציע פאַר דעם „סלייט". מענשען שפּילען

(שלוס אויף זייט 12).

וואהלען פאר מענעדזשער און ביזנעס אײדזשענטס דעם דאנערשטאג, דעם 29טען אקטאבער

(שלום פון זייט 1)

דאך ענדליך דורכגעקומען און עס איז באשטימט געווארען, ווער עס זאל יא און ווער עס זאל נים ארויפגעשטעלט ווערען אויפ'ן באלאט.

די אונטערשטע שורה איז, דאס צוליב די דעבאטען האבען די זיצונגען פון דער קאמיטע זיך פארצויגען פאר א פאר טעג. די קאמיטע האט געהאט זי־צונגען דאנערשטאג, פרייטאג, מאנטאג און דינסטאג. זי איז פארטיג געווארען מיט איהר ארבייט דינסטאג, ארום 6 אזייגער אין אווענט.

פאלגליך האבען די וואהלען געמוזט אפגעלייגט ווערען אויף דאנערשטאג. דעם טאג מיטוואך האט מען געמוזט איבערלאזען אויף פארצובריינגען און דרוק־קען די באלאטס, און מאכען אלע אנ־דערע ארענזשמענטס וואס זיינען נוי־טיג פאר די וואהלען, אז אלעס זאל צו־געהן אין דער בעסטער ארדנונג.

שטימען וועט מען דאנערשטאג דעם גאנצען טאג, פון 7 אין דער פריה ביז אכט אזייגער אין אווענט, אין די פאל־גענדע פלעצער:

אין אלע אפיסעס פון דזשאינט באארד.

אין הויפט אפיס — 130 איסט 25טע סטריט.

אין דאון טאון אפיס — 33 צווייטע עוועניו.

אין הארלעם אפיס — 165 איסט 121טע סטריט.

אין ברוקלין אפיס — 105 מאנט־ראוז עוועניו, ברוקלין.

אין בראנזוויל אפיס — 219 סעק־מאן סטריט, בראנזוויל.

אין ברייענט האל — 725 זעקסטע עוועניו, ניו יארק.

אין די וואהלען קאנען זיך באטיי־ליגען די גוטשטעהענדע מיטגלידער פון די לאקאלס 2, 3, 9, 10, 22, 23, 35, 48, 82 און 89. און עס איז ווינשענס־ווערט, אז וואס מעהר מיטגלידער פון די דאזיגע לאקאלס זאלען זיך באטייליגען אין די וואהלען.

עס וועט זיין א דזשענעראל עלעקשאן און עס וועט זיין איין באלאט פאר די קאנדידאטען פאר ביזנעס אײדזשענטס פון די אלע לאקאלס וואס זיינען אנגע־שלאסען צום דזשאינט באארד, און די מיטגלידער פון די אלע לאקאלס וועלען קאנען שטימען פאר וועלכע קאנדידאטען זיי ווילען, פון די אלע וואס געפינען זיך אויפ'ן באלאט.

אויפ'ן באלאט דארפען אויך זיין קאנדידאטען פאר א דזשענעראל מע־נעדזשער פאר'ן דזשאינט באארד. עס איז אבער ניטא מעהר ווי איין קאנדי־דאט, ברודער לואיס הײמאן. מעהר פערזאנען האבען פאר דעם אמט נים אנגענומען. מען וועט דאריבער קאנען שטימען פאר אדער געגען איהם.

אט איז א צעטעל פון אלע קאנדידא־טען פאר ביזנעס אײדזשענטס, לויט די לאקאלס נאך, וואס געהען ארויף אויפ'ן באלאט:

פאר דזשענעראל מענעדזשער: לואיס הײמאן.
(צו שטימען דאפיר אדער דאגעגען)

פאר ביזנעס אײדזשענטס.

לאקאל 2.

מאקס בעקענשטיין — היימאן לײנהארט
דזש. בליימאן — א. ה. לעווינסאן
אברהם בלאק — לואיס ליפקין
סעם דייוויד — מאריס ראדזשערס
מאריס פיינבערג — היימאן סעלעזניק
אל. פארמאן — דזשייקאב סניידער
אלבערט קאץ — בעני סטאלמאן
לואיס קליינמאן — סאל סטיגליץ
פיליפ קרייצער — דזשייקאב טאלער
היימאן קרוגער — א. וויים
עלייעס מארקס — סעמועל זעלדין
(צו שטימען פאר 13)

לאקאל 3.

ה. בערקאוויץ
(צו שטימען פאר אדער געגען)

לאקאל 9.

רובין בערנשטיין — נייטען קאפלאן
בארנעט קופער — סאל מילער
אייב עטקין — הערי סקורניק
הערי פישערא — סעם ווילענסקי
פיליפ הערמאן
(צו שטימען פאר 7)

לאקאל 10.

אהרן אייבערמאן
(צו שטימען פאר אדער געגען)

לאקאל 22.

ראבערט פארבער — ראוז פרעפשטיין
דזש. גאלדשטיין — בעלא ראטפארד
פעני גלאס — פרידא רייכער
היימאן גראסמאן — מאריס ראזען
דייוויד האלאנדער — פיטער ראטענבערג
מאיר קראוויץ — סעם סטיל
איידא לאסקאוו — איזידאר ווייסבערג
סעם לורי — ראוז ווארטים
דזשאו מייזענבערג — טשאס. זימערמאן
(צו שטימען פאר 13)

לאקאל 23

סעמועל פרעמער — מאקס שערמאן

לאקאל 35.

לואיס בעצאהלער — סעמועל שרייער
אהרן עבערט — הערי טאבאלסקי
יצחק פיינשטיין — מאקס טוכמאן
בעני מילער

לאקאל 48.

טשאס. קאראטענוטו — מייקעל מאריקאנדא
י. טשיארטשיארא — פ. מוטשיגראסי
פרענק קאמונאלי — ע. פיציאני
אסטאניא קאטאני — וו. רינאלדי
ב. דעסטי — א. מערמיני
ניקאלא דאטי — ארטורא וואלארדי
אלפרעד אינגולי
(צו שטימען פאר 9)

לאקאל 89.

סאלוואטאר אמיקא — פרענק לאשוטא
דזשאהן קאביאטי — פרענק ליבערטי
אנטאנינא קריוועלא — פרענק אליווא
דזש. דינאלא — סאלוואטאר ראוועגא
קארמעלא יאנדאלי
(צו שטימען פאר 7)

די וואהלען וועלען אפגעהאלטען ווע־רען אין די פאלגענדע פולינג פלעצער:

ברייענט האל, 725 זעקסטע עוועניו.
אפיס פון לאקאל 22, 16 וועסט 22טע סטריט.

אפיס פון לאקאל 48, 231 איסט 14טע סטריט.

דזשאינט באארד אפיס, 130 איסט 25טע סטריט.

דאון טאון אפיס, 33 צווייטע עוו.
הארלעם אפיס, 165 א. 121טע סט.
ברוקלין אפיס, 105 מאנטראוז עוו.
בראנזפיל אפיס, 219 סאקמאן סט.

די פולינג פלעצער וועלען זיין אפען פון 7 אוהר פריה ביז 8 אוהר אבענד.

דזשאינט באארד קלאוק, סקוירט, דרעס און ריפער מאכער יוניאנס,
דזשאזעף פיש,
סעקרעטער־טרעזשורער

וואהלען פאר דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן רופט ארויס גרויס אינטערעס

(שלום פון זייט 1)

מעטארען פון קאמפיינעווען; מען מאכט „סליימס", מען טיילט פערזענליכע קארטלאך, מען טומלט און מען ליארעמט, יעהער קאנדידאט וואס האט די זכיה ארויפצוגעהן אויפ'ן באלאט וויל דווקא ערוועהלט ווערען און די וואס פאלען דורך שרייען גוואלד, און מאנכע פון זיי „זיי־נען זיכער", אז מען האט זיי „בע'גנב'עט." יעדער קאנדידאט אויפ'ן באלאט דענקט ביי זיך, אז ער, אדער זי, זיינען די בעסטע מענשען וואס די וועלט פארמאגט, און זיי זיינען אויך „זיכער", אז פאר זיי האבען אלע מיטגלידער פון דער יוניאן געדארפט שטימען. אבער אזוי ווי אלע וואס לויפען אויפ'ן באלאט קאנען דאך נים ערוועהלט ווערען, און צוזאמען מיט די ערוועהלטע מוזען אויך זיין דורכגעפאלענע, איז פאר אט די קרבנות שווער ארונטערצושלינגען די פיל פון א דורכפאל און זיי קערען א וועלט!

אבער עס איז פארפאלען. זיי מוזען עס, נעבאך, ארונטערשלינגען. עס איז נאך דערוויייל ניטא קיין רפואה ווי צו מילדערען זייערע ליידען. זאל דער גאט פון עלעקשאן זיי שטארקען און קרעפטי־גען ביז צו א צווייטער וואהל, ווען זיי וועלען, אפשר, ארויסקומען די „זיגער".

ווענגען דעם רעזולטאט פון די וואהלען אין דער קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 2, און די פערזאנען וואס זיינען ערוועהלט געווארען, וועט זיין אן אפיצי־עלער באריכט אין די „גערעכטיגקייט", די קומענדע וואך.

ווענגען דעם רעזולטאט פון די וואהלען אין דער קאטערס יוניאן, לאקאל 10, קא־נען מיר שוין באריכטען.

אין די וואהלען פון דעם לאקאל האבען זיך באטייליגט אריבער 12 הונדערט מיט־גלידער. נעהמענדיג אין אנבאטראכט אז דער לאקאל האט נים מעהר ווי א 4000 מיטגלידער, איז עס א גאנץ גרויסער פראצענט. דאס באווייזט ווי די מיט־גלידער פון דעם לאקאל זיינען באמת פאראינטערעסירט אין די וואהלען פון זייער יוניאן. נאך עפעס. פאראכטאגען שבת איז געווען א זעהר שלעכטער וועט־טער, עס האט גערעגענט און געשטורעמט דעם גאנצען טאג און דאך זיינען 12 הונדערט קאטערס געקומען זיך באטיי־ליגען אין די וואהלען, זיינען געקומען זאגען זייער ווארט, ווער עס זאל פאר־טרעטען זייער יוניאן אויף דער קומענ־דער קאנווענשאן פון אונזער אינטער־נעשאנאל.

און דאס איז נאך נים אלץ; עס איז דא נאך עפעס, וואס ווייזט, ווי די קא־טערס זיינען פאראינטערעסירט געווען אין די וואהלען פון זייער לאקאל. נעהמ־ליך: לעצטען שבת, דעם טאג פון די וואהלען, האט דער אפיס פון דער קא־טערס יוניאן, לאקאל 10, אריינגענומען 5000 דאלאר אין דיוס. דאס צייגט, אז א סך מיטגלידער פון דעם לאקאל וואס זיינען געווען הינטערשטעליג אין זייערע דיוס צאהלונגען, און וואלטען צוליב דעם נים געקענט זיך באטייליגען אין די וואהלען, זיינען געווארען גוט־שטעהענד. זיי האבען אפגעצאהלט זייער חוב צו דער יוניאן, כדי צו קאנען שטימען אין די וואהלען.

דאס רעדט גאר א סך פאר די מיט־גלידער פון לאקאל 10. דאס ווייזט, אז זיי זיינען יוניאן־לייט מיט'ן גאנצען הארצען, און עס קומט זיי דערפאר קרע־דיט. 111 פערזאן האבען לעצטען שבת געצאהלט דיוס אין זייער לאקאל, און די סומע וואס זיי האבען איינגעצאהלט האט באטראפען 5 טויזענד דאלאר. דאס איז ווירקליך א שעהנער רעקארד פאר א יוניאן.

אלס דעלעגאטען צו דער קאנווענ־שאן זיינען אין דעם לאקאל 10 ער־וועהלט געווארען די פאלגענדע פערזא־נען: דייוויד דובינסקי, מ. פערלמוטער, א. גאגלער, ס. ב. שעהנקער, אנסעל, סטא־לער, ראבינס, פארער און דזשייקאבס. די גרעסטע צאהל שטימען האט באקומען ברודער דובינסקי, דער מענעדזשער פון דעם לאקאל. ער האט באקומען 942 שטימען.

אין דער רײנקאוט מאכער יוניאן, לאקאל 20, זיינען ערוועהלט געווארען די פאלגענדע פערזאנען: א. ווייננארט און ד. גינגאלד, דער סעקרעטער און דער מענעדזשער פון דעם לאקאל, ש. סאראף און מ. פאלינסקי.

בר. וויינגארט, דער סעקרעטער פון דעם לאקאל, בעט אונז, אין נאמען פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 20, צו באדאנקען די עלעקשאן און אב־דזשעקשאן קאמיטע פון דעם לאקאל, פאר דער ארבייט אין די וואהלען.

די וואהלען אין דער סקוירט מאכער יוניאן, לאקאל 23, האט זיך פארענדיגט מיט א טומעל. א קאמיטע פון מעמבערס פון דעם לאקאל זיינען אוועק צו פרע־זידענט זיגמאן, און געבראכט א קלאגע, אז די וואהלען זיינען דורכגעפיהרט גע־ווארען נים ווי עס באדארף צו זיין. און פרעז. זיגמאן האט איבערגעגעבען די אנגעלעגענהייט צום סעקרעטער באארד, צו מאכען אן אונטערזוכונג וואס דארט איז פארגעקומען. דעם רעזולטאט וועלען מיר קאנען באקאנט מאכען ערשט די קומענדע וואך.

יוניאן העלט סענטער פייערט זיין פינף יאהריגען יובילעאום

(שלום פון זייט 1)

דיצינישער אפטיילונג פון יוניאן העלט סענטער, אין זיין הויפט קווארטיר אויף דער 17טער גאס. ביי דער שמחה וועלען דארט זיין פראמינענטע דאקטוירים, אר־בייטער פיהרער און זאנסט אנגעזעהענע מענשען אין דעם סאציאלען לעבען. די מיטגלידער, אזוי גוט ווי די באאמטע פון אונזערע לאקאלס, זיינען געלאדען צו קומען און זיי וועלען דארט זיין די הויפט מחותנים אויף דער שמחה.

דער יובילעאום פון דעם דענטאל דעפארטמענט וועט געפייערט ווערען מיט א טאג שפעטער, פרייטאג, דעם 6טען נאוועמבער, צווישען 2 און 4 נאכמיטאג, אין זיין נייער היים, 222 4טע עוועניו, נעבען דער 18טער גאס.

אויך דא וועלען זיין פראמינענטע מענשען און יא אויך ווערען געלאדען די מיטגלידער און די באאמטע פון אונ־זער יוניאן צו קומען זיך באטייליגען אין דעם יום טוב. אין דעם דענטאל דעפארטמענט וועט ביי דער געלעגענ־הייט ארויסגעטיילט ווערען צו די באזו־כער ספעציעלע סאוועניר פאר אן אנדענקען.

מיר האפען אז די מיטגלידער פון אונזער יוניאן וועלען דארט זיין גוט פארטרעטען דאנערשטאג און פרייטאג, און וועלען זיך באטייליגען אין דער שמחה פון זייער אייגענער אינסטיטוציע.

א פערזענליכער בריף

פון דר. דזשארדזש מ. פרייס.

צו די ניו יארקער מיטגלידער פון אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן!

קומענדען נאוועמבער ווערט פינף יאהר זינט אונזער מעדיקאל און דענטאל קליניקס, וואס זיינען פריהער געווען אין 31 יוניאן סקווער, האבען ארויסגעמופט אין דעם יוניאן העלט סענטער, אין 131 איסט 17טע סטריט.

ווי איהר ווייסט, איז די בילדינג געקויפט און איבערגעבויט געווא־רען פאר א היים פאר די מעדיקאל און דענטאל קליניקס, און דאס האט באטראפען ארום הונדערט טוי־זענט דאלאר. דאס איז געטאן גע־ווארען, ווייל עס איז פארשטענד־ליך, אז אין א אייגענער היים קא־נען די קליניקס בעסער דינען די מיטגלידער.

דאס וואס ווערט געטאן אין דעם יוניאן העלט סענטער, אין די מעדיקאל אזוי גוט ווי אין דענטאל דעפארטמענט, איז גוט באקאנט צו מעמבערס פון דער יוניאן. אין דעם העלט סענטער ווערט געגעבען די בעסטע מעדיצינישע און דענ־טיסטישע הילף פאר די מיטגלידער פון דער א. ל. ג. וו. י. די ארבייט ווערט געטאן פון זעהר קאמפע־טענטע דאקטוירים און דענטיסטען, און ווען די מעמבערס קומען אהין פיהלען זיי, אז זיי זיינען אין זייער אייגענער אינסטיטוציע. דער העלט סענטער איז צו יעדער צייט גרייט צו געבען די בעסטע מעדיצינישע הילף און דענטיסטישע טריטמענט.

אז די מיטגלידער פון די אינ־טערנעשאנעל לאקאלס שעצען די גוטע ארבייט וואס דארט ווערט געטאן, באווייזט דער פאקט, דאס אין די לעצטע פינף יאהר האט זיך פארפירפאכט די צאהל פון די פא־ציענטען אין די צאהל פון טריט־מענטס אין העלט סענטער. אין דעם לעצטען יאהר האבען מיר גע־געבען צוויי און פופציג טויזענט טריטמענטס, מעדיצינישע און דענ־טיסטישע. דאס מאכט אויס אין דורכשניט מעהר ווי טויזענט א וואך.

איהר ווייסט ווי געפאקט עס איז געווען אין העלט סענטער לעצטען יאהר מיט מענשען, און דאס האט געשטערט די ארבייט. עס איז נים געווען וואו זיך א קעהר צו טאן. און דערפאר האט דער באארד אוו דירעקטארס, וואס בא־שטעהט פון די מענעדזשערס פון די נײן לאקאלס, צו וועלכע עס בא־לאנגט דער יוניאן העלט סענטער, באשלאסען, אז דער דענטאל דע־פארטמענט זאל אריבערמופען אין א צווייטען פלאץ.

פאר דעם דענטאל דעפארט־מענט איז גענומען געווארען א גרויסער לאפט, אין 222 פערטע עוועניו, אויפ'ן 6טען פלאר, קאר־נער 1טע סטריט, און דארט זיינען אויסגעשטעלט געווארען 25 דענ־טיסטישע שטולען.

אין דערזעלבער צייט איז פאר־גרעסערט געווארען דער מעדיקאל דעפארטמענט, און עס זיינען דארט געמאכט געווארען א סך פארבעס־סערונגען. די גאנצע בילדינג אין 131 איסט 17טע סטריט איז איי־בערגעמאכט געווארען, בלויז פאר די מעדיקאל קליניקס.

אין גיכען וועלען ביידע, דער מעדיקאל דעפארטמענט פון דער 17טער סטריט, און דער דענטאל דעפארטמענט פון 222 4טע עוו., פייערען די פארמאלע עפענונג. די מעמבערס פון דער אינטערנעשא־נאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן זיינען געלאדען צו באזוכען זייער יוניאן העלט סענטער, און זיך באנוצען מיט די אלע דינסטע, וואס זיי קאנען דארט באקומען, סיי אין דעם מעדיקאל און סיי אין דעם דענטאל דעפארטמענט.

...אוק און ריפער אפערייטארס ...יוניאן לאקאל 2

...רות האב איך
...די מיטגלידער
...שנע, און וועל־
...ן דעם אפיס
...ם עס איז ביז

...עמען, אז דורך
...אין דער יר
...אונזער לאקאל,
...יוניאן, כמעט
...און עס פאר־
...פון דעם האט
...ומפליינטס פון
...וועלכע זיינען
...ן אפיס אריינ־
...ר דעם האבען
...ט פארפעהלט
...ט און האבען
...ען די שעפער,
...ן־בארינגונגען,

...ארלאזען פון די
...סטעפ, איידער
...ען צו מאכען
...ער יוניאן אהן
...אם, צו קענען
...ס פון די אר־
...וזען פילען די
...ן דא מענשען,
...ער.
...רעם לאקאל
...ן קאמפליינטס
...גען אנצושטע־
...לפען אין דער
...ערליידיגען די
...און מען קען
...ע פאר וואכען
...ן דער אפיס,
...אטענדעט גע־
...ון דעם אפע־

...שלעכטער סי־
...ונקיים אוועק־
...פנאבע פון באר־
...ל א ז ע מיט
...ערנסטען פאל,
...מען קען זא־
...די עקזעקוטיוו
...קיין סטעפ),
...געבים נעמאן
...עקענט צו בא־
...טייל פון אונ־
...רזשאבס.
...ס איז דא דער־

מאנט געווארען, האבען מיר נאך דורכ־געמאכט אין די 4 וואכען צייט וואס מיר זיינען ווידער אין אפיס, 2 עלעקשאנס, — איינעם פאר די קאנווענשאן דעלעגא־טען פון אונזער לאקאל, דעם 24טען אק־טאבער, מיט דעם רעזולטאט, וואס די פאלגענדע 14 דעלעגאטען זיינען ער־וועהלט געווארען צו פארטרעטען דעם לאקאל ביי דער קאנווענשאן:

י. בארוכאוויטש, מ. רובין, ב. רוביג־שטיין, י. סטיינזאר, מ. אייבראמס, מ. גייבעל, ל. הארוויטש, ע. מארקס, ס. שעללי, ה. בריייווין, א. קאלאוו, א. וויים, י. סילקאוויטש און י. ראדיש.

דעם צווייטען עלעקשאן האבען מיר געהאט פאר ביזנעס איידזשענטס, וועל־כער איז אפגעהאלטען געווארען דאנער־שטאג, דעם 29טען אקטאבער, מיט דעם רעזולטאט, דאס אונזער לאקאל וועט איצט האבען אין דעם דזשאינט באארד א סטעף פון גאנץ נייע מענשען, וועלכע זיינען שוין, אגב, אלע ביי זייער ארבייט אין די אפיסעס.

עס איז כדאי צו באמערקען, אז די צאל פון אונזערע לאקאל ביזנעס־איי־דזשענטס איז אויף אונזער פארלאנג פאר־קלענערט געווארען פון 15 אויף 13, וועלכע באשטעהען פון די פאלגענדע ברי־דער:

מ. בעקענשטיין, א. בלאק, א. פורמאן, א. קאטץ, ח. קרוגער, א. ה. לעווענסאן, ס. ועלדין, ל. ליפקין, ע. מארקס, מ. ראד־דזשערס, ה. זעלעזניק, ס. סטיעגליטץ און א. וויים.

ריידענדיג פון דעם נייעם סטעף ביז־נעס איידזשענטס, ווילען מיר זאגען, אז עס איז אונזער וואונש און פארלאנג, אז אלע אונזערע מיטגלידער זאלען זיי געבען די פולע קאאפעראציע, ווען זיי וועלען זיך מיט זיי באגעגענען אין די שעפער. ווייל נאר אויף אזא אופן וועלען זיי קע־נען גוט מאכען די עמטער, צו וועלכע די מעמבערס האבען זיי ערוועהלט.

וואס אנבאלאנגט אונזער עקזעקוטיוו באארד, איז ער אין פולען גאנג מיט זיין ארבייט. שאפ־מיטינגען ווערען גערופען אין די צעהנדלינגער און ווערען אטענדעט דורך די עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער. די עקזעקוטיוו באארד גרייט איצט צו רע־זאלוציעס פאר דער קאנווענשאן וועגען די רעפארמען אין וועלכע אונזער לאקאל איז פאראינטערעסירט און פאר וועלכע מיר קעמפען שוין פאר א רייהע פון יאהרען, און וועלכע וועלען דארפען ביי דיזער קאנווענשאן דורכגעפיהרט ווערען.

דער לאקאל פונקציאנירט איצט גאנץ רעגעלמעסיג. אונזערע סעקשאן מיטינגען ווערען שוין רעגעלמעסיג דורכגעפיהרט, און די ערשטע סעקשאן מיטינגען, וואס זיינען אפגעהאלטען געווארען מאנטאג, דעם 26טען אקטאבער, נאך אן אפרייס פון 5 מאנאטען, זיינען געווען גוט באזוכט און אין בעסטען ארדנונג דורכגעפיהרט, מיט דעם פולסטען אינטערעס פון די מיט־גלידער.

קומענדען מאנטאג, דעם 9טען נאוועמ־בער, וועלען ווידער די 11 סעקשאנס פון אונזער לאקאל האבען די רעגעלע סעק־שאן מיטינגען. עס איז כדאי צו בא־מערקען צו די מיטגלידער, אז די עקז. באארד האט נעענדערט דעם באשלוס פון שטראף פאר ניט אטענדען צו די מיטינ־גען פון א דאלאר שטראף, ווי עס איז פריהער געווען, צו 50 סענט. די מיט־גלידער דארפען אבער געדענקען, אז זיי דארפען איצט, פונקט ווי פריהער אטענ־דען די מיטינגען, ווייל די 50 סענט שטראף וועט פאזיטיוו קאלעקטעט ווערען פון די וואס וועלען איין מאל אין מאנאט ניט אטענדען א מיטינג.

עס איז אונזער מיינונג, אז די יוניאן האט נענוג געליטען און די מיטגלידער האבען טייער באצאהלט דערפאר, א דאנק זייער פאסיוויטעט די גאנצע יאהרען וואס די יוניאן עקזיסטירט, און עס מוז איצט זיין די אויפגאבע פון יעדען מיטגליד, אמווייניגסטענס 1 מאל א מאנאט אטענ־דען צו די רעגעלע מיטינגען פון דעם לא־קאל.

ריידענדיג וועגען מיטינגען, ווילען מיר זאגען, אז עס ווערט איצט פון דעם עקזעקוטיוו באארד געמאכט צוגרייטונגען פאר א גענעראל מעמבער מיטינג, וועלכער וועט דארפען האנדלען וועגען דער קומענ־דער קאנווענשאן און אונזערע פארשלעגע.

צום שלוס קען מיט זיכערהייט גע־זאגט ווערען, אז אונזער לאקאל איז אויפ'ן וועג צו דער פולער אקטיוויטעט פאר דער אויפבילדונג פון אונזער יוניאן און פאר דער פארטיידיגונג פון די אינטערעסען פון אונזערע מיטגלידער.

וועגען די פריד און ארגאניזאציאנס־פראגען, איבער וועלכע דער עקזעקוטיוו באארד האנדעלט איצטער, וועלען מיר זיך דורכשמועסען נעקסטע וואך.

דזש. בארוכאוויטש,
מענעדזשער.

...קאלענדאר
...טאן
...יאהר צוריק

...נוונשאן פון
...ערט באשלאסען
...פון צוויי און
...דיזער באשלוס
...נדרום פון אלע
...קאטלער, סעק.
...א לענגערען
...ראגע אין דער
...שטארק בעגען
...ג אוניווערזאליזירונג
...א וואך וואס די
...ען בשום אופן
...ווי איצט, און
...ראטזאם צוליב

...ישאן אין איהר
...ראגע אויב די
...העבערונג אין
...זאגט צווישען
...איז בארעכטיגט
...ינדוסטריע אין
...זאל איהם גע־
...אכען א לעבען
...דעם לאנד אין
...מאנופעקטשר־
...אז די ארבייי־
...בען קומען פון
...איידזשעם זייגען
...לאנד און אז
...ער פיל מעהר
...ערע חיומאם
...ען זיך רעכענען
...ביזנעס לעבען
...זייער לעבען
...ם דעם סטאנ־
...ריקא. און ארויס־
...רונקם האט די
...די פארדינסטען
...ז איצט געהאט
...בען מענשליכען
...און זיי זיינען
...העכערונג אויף

עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

ערעפענונג פון עדיוקיישאנאל סיזאן ווערט געפייערט דעם שבת אווענט אין די בראנקס.

אין די קלאב רומס פון לאקאל 2, 1581 וואשינגטאן עוועניו בראנקס, ווערט דעם שבת, דעם 7טען נאוועמבער, 7.30 אין אווענט, געפייערט ווערען די ערעפענונג פון עדיוקיישאנאל סיזאן, דורך א ווע־טשערינקע קאנצערט און ליטעראַרישען אווענט.

אין דעם פראגראם וועלען זיך באטיי־ליגען די פאלגענדע קרעפטען: סערא העגקין, די באוואוסטע סאפראנא, וועט זינגען פון אפעראס, און אידישע און רוסי־שע פאלקס־לידער, ליא פרענקעל וועט אקאמפאנירען. רזשאזעף האלצבערג וויאלינעסט, בווירטהא האלצבערג וועט זינגען און מיסס ס. האלצבערג וועט אקאמפאנירען, אננא קאהען וועט שפילען סאלאס אויף דער פיאנא, ווייאלאוויטש וועט דעקלאמירען, ס. שרייבער וועט פאר־לעזען. ברודער באראכאוויטש וועט רעד־דען. ברודער וו. ווינער וועט זיין משער־מאן. איינטריט 35 סענט. דער עולם איז געבעטען צו קומען אין צייט.

ערעפענונג פון אינטערנעשא־נאל ארבייטער אוניווערזיטעט שבת אווענט, נאוועמבער 14.

די ערעפענונג פון דעם אינטערנעשא־נאל ארבייטער אוניווערזיטעט דעם סיזאן וועט נעפייערט ווערען שבת אווענט, דעם 14טען נאוועמבער, אין דעם שעהנעם אודיטאריום פון די וואשינגטאן אירווינג היי סקול, אירווינג פלייס, צווישען די 16טע און 17טע גאסען.

צו דער געלעגענהייט וועט געגעבען ווערען א קלאסישער קאנצערט. אין דעם קאנצערט וועלען זיך באטייליגען דער בעריהמטער פידעל שפילער, סאשא דזשייקאבסאן, די באוואוסטע סאפראנא זינגערין, דזשיטא גלאס און נאך אנדערע.

עס ווערט צוגעגרייט פארגעבריים פאר דעם אווענט א זעהר רייכער פראגראם. און מיר זיינען זיכער, דאס דער עולם וועט זיך זעהר גוט אמוזירען. עס וועט זיין אן אינטעלעקטועלער און אן ארטיסטישער אווענט.

איינטריט איז פריי. מען דארף אבער האבען טיקעטס אריינצוגעהן, די טיקעטס זיינען צו באקומען אין אפיס פון עדיוקיי־שאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סט. און אין די אפיסעס פון די אינטערנעשא־נאל לאקאלס אין גרייטער ניו יארק.

א קורס אין סאציאלער פסיכא־לאגיע אין אינטערנעשאנאל בילדינג

מיטוואך, דעם 11טען נאוועמבער, אום 6.30 אין אווענט, וועט אלעקסאנדער פיטשהאנדלער פארזעצען דעם קורס אין סאציאלע פסיכאלאגיע.

דער קורס ווערט געגעבען אין דער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט, ניו יארק.

דער קורס געדויערט איין שטונדע צייט, פון 6.30 ביז 7.30. דאס גיט א מעגליכקייט די מעמבערס צו עסען סאפער, נעהמען א שפאציר און אטענדען דעם קורס, און נאך האבען די איבעריגע צייט פון אווענט פאר זיך.

די מיטגלידער וואס ווילען אטענדען דעם קורס זיינען געבעטען זיך רעדזשי־סטרירען אין אונזער עדיוקיישאנאל דע־פארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט.

דער קורס באשטעהט פון צעהן לעקציעס און וועט געגעבען ווערען יעדען מיטוואך אווענט, אין די זעלבע צייט און אין זעלבען פלאץ.

איינטריט קארדס פאר'ן אר־בייטער אוניווערזיטעט.

די מיטגלידער פון אונזער אינטער־נעשאנאל האבען א געלעגענהייט זיך צו באטייליגען אין אלע טעטיגקייטען פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, אין גאנצען פריי. זיי דארפען אבער האבען אן איינטריט קארד. אזא קארד, וואס איז גוט פאר'ן גאנצען סיזאן, קען מען באקומען אין אפיס פון דעם עדיוקיישא־נעל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סט.

די קורסען פון דעם ארבייטער אוני־ווערזיטעט פאנגען זיך אן שבת, דעם 14טען נאוועמבער, און וועלען געגעבען ווערען יעדען שבת נאכמיטאג, און זונ־טאג אין דער פריה. די קורסען ווערען געגעבען אין דער וואשינגטאן אירווינג היי סקול, אירווינג פלייס און 16טע גאס, רום 530. די וואס ווילען אטענ־דען זאלען זיך באלד רעדזשיסטרירען.

דער פלאץ פון די ארבייטער אין דער געשיכטע.

דאס איז א קורס פון צעהן לעסאנס, געגעבען אין אונזער ארבייטער אוניווער־זיטעט, פון א. י. מאסטי. ערשטער לעסאן שבת 2.30 ביימאג, דעם 14טען נאוועמבער, אין דער וואשינגטאן אירווינג היי־סקול, רום 530.

לעקטשורס און קורסען אין דער אינטערנ. בילדינג

3 וועסט 16טע סטריט.

מיטוואך, 11טען נאוועמבער, 6.30 אין אווענט — אלעקסאנדער פיטש־האנדלער וועט פארזעצען דעם קורס איבער: „סאציאלע פסיכאלאגיע". דאס איז א קורס פון צעהן לעקטשורס און וועט געגעבען ווערען יעדען מיטוואך אווענט אין זעלבען פלאץ.

אינטערנעשאנעל ארבייטער אוניווערזיטעט

וואשינגטאן אירווינג הייסקול, אירווינג פלייס און 16טע גאס, רום 530.

שבת, דעם 14טען נאוועמבער.

1.30 נאכמיטאג. — א סאציאלער שטודיום פון דער אמעריקאנער ליטעראטור. עמארי האלאוויי, לעקטשורער.

דאס וועט זיין א קורס אין זעקס לעסאנס. דערנאך וועט געגעבען ווערען א צווייטער קורס איבער דער ענגלישער ליטעראטור, פון ב. י. סטאלפער.

2.30 נאכמיטאג. — דער פלאץ פונ'ם ארבייטער אין דער געשיכטע. לעקטשורער, א. י. מאסטי.

דער קורס וועט זיך אנהויבען שבת ביימאג. דאס וועט בלויז זיין די איינלייטונג. די אנדערע לעסאנס וועלען געגעבען ווערען זונטאג אין דער פריה. דער קורס בא־שטעהט פון צעהן לעסאנס.

שבת אווענט, דעם 14טען נאוועמבער.

7.30 אווענט. — א שעהנער קאנצערט וועט געגעבען ווערען אין אודיטאריום פון דער וואשינגטאן אירווינג היי־סקול, צו פייערען די ערעפענונג פון דעם עדיוקיישאנעל סיזאן. סאשא דזשייקאבסאן, פידעל שפילער, און גיטא גלאז, סאפראנא זינגערין, וועלען זיך באטייליגען אין דעם קאנצערט. נאכ'ן קאנצערט וועט מען טאנצען. טיקעטס פאר'ן קאנצערט זיינען פריי. צו באקומען אין אפיס פון אונזער עדיוקיישאנעל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע גאס, אדער אין אפיס פון אייער לאקאל יוניאן.

אונזערע יוניטי סענטערס

ע נ ג ל י ש ע ק ל א ס ע ן — פאר אנפאנגער און פאר אדוואנסד סטודענטען זיינען ארגאנזשירט געווארען פאר אונזערע מיטגלידער אין די יוניטי סענטערס פון די פאלגענדע פאבליק סקולס:

אין פאבליק סקול 25 — 330 פינפטע סטריט, מאנהעטען.
אין פאבליק סקול 171 — 103טע סט., צווישען מעדיסאן און 5טע עוועניוס.
אין פאבליק סקול 61 — קראטאנא פארק איסט און שארלאט סט., בראנקס.
אין פאבליק סקול 43 — בראון פלייס און 135טע סטריט, בראנקס.
אין פאבליק סקול 150 — קריסטאפער עוועניו און סעקמאן סט., ברוקלין.

די, וואס רעדזשיסטרירען זיך אין די סקולס, זאלען ניט פארגעסען זאגען דעם פרינסיפעל, דאס זיי זיינען מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל און דאס זיי ווילען זיך אנשליסען אין די יוניטי סענטערס.

...גען די וואהלען צו דער קאנווענשאן אין לאק. 23

ערקלערונג צו די סקוירטמאכער, מעמבערס פון לאקאל 23.

מיר, די עקזעקוטיוו באארד פון לאָ־
23, אפּהאלטענדיג א מיטינג, שבת,
31טען אקטאבער, האבען געפונען
נויטיג צו ערקלערען וועגען דעם
צידענט, וואס האט פאסירט ביי
ער עלעקשאן פאר דעלעגאטען צו
קאנווענשאן, שבת, דעם 24טען
אבער.

פאסירט האט דאס פאלגענדע:
א פינף מינוטען צו 4, ווען מען
ן שוין געסטאפּט שטימען, עס איז
ען רעגענדיג, און מעהר קיין מענ־
צום וואוטען זיינען שוין ניט גע־
ען, האט דער טשערמאן פון דער
קשאן־קאמיטע אנגעפאנגען צו צעה־
די געספּאילטע באלאטס. איינער
די קאנדידאטען איז אריין אין רום
באמערקט, אז א צווייטער מעמבער
דער קאמיטע זיצט זיך און לעזט
פּייפּער. האט ער פארפיהרט אן
מענט מיט'ן קאמיטע־מאן, ביז זיי
ן צוגעקומען צום טיש, וואו אלע
אטס זיינען געלעגען. אין רום איז
ענער צייט קיינער ניט געווען, אחוץ
קאמיטע, און דער באטרעפענדער, ווי
קאמיטע קליימט, האט א כאפּ גע־
א צאל באלאטס פון טיש, א 20
צאל, און עס האט זיך אנגעהויבען
ייט. ווען דער שרייבער פון דיזע
שורות איז אריינגעלאפען אין רום, האט ער געטראפען א צאל באלאטס אין דער האנט פון ברודער, וועלכער האט די באלאטס פון טיש ארויסגעכאפּט. די באלאטס האט מען צוגענומען און זיי געפינען זיך אלע אין ברודער באראפ'ס אפיס. עס איז אמת, אז דיזע באלאטס זיינען צוריסען געווארען פון מיר, בעת איך בין געווען אויפגערעגט, ווייל כמעט פון די אנוועזענדע האבען געוואלט אין דעם טומעל צו פארניכטען די גאנצע באלאט־באקס.

דאס ווייזט אין קורצען, וואס עס האט פאסירט. די עלעקשאן־קאמיטע האט אפּגעגעבען רעכענונג פון יעדען באלאט, וואס עס איז געשטימט געווארען, און אויך פון די, וואס זיינען געבליבען בלאנק.

נאך דיזען טומעל איז וועגען דעם עלעקשאן געמאכט געווארען א קלאגע פאר פרעזידענט זיגמאן, און ער האט באשטימט, אז סעקרעטאר באראף זאל מאכען אן אונטערזוכונג. אויסהערענדיג דער קאמיטע'ס אלע קלאגעס, האט סעקרעטאר באראף געאורטיילט, אז דער עלעקשאן איז געווען א געזעצליכער.

ל. פינקאווסקי,
מענעדזשער, לאק. 23.

דעם באלאט־באקס, און עס איז מעגליך, אז ער האט זיך אויך פארלוירען אין דעם אלגעמיינעם טומעל און האט אפשר צוריסען עטליכע באלאטס.

איך וויל ערקלערען, אז עס טוט מיר זעהר לייד צו זעהן, אז א צאל מעמבערס האבען זיך נאך ניט אויסגעלערענט, ווי אויפצופיהרען זיך, און זיינען גרייט אין מאמענט פון אויפרעגונג צו באשמוצען און באשולדיגען אומגערעכטפערטיגט עטליכע מעמבערס פון דער יוניאן און אזוי ארום אריינברענגען כאאס און טומעל און אלס רעזולטאט — אפּשוואכען די ארגאניזאציע. איך האף, אז אין דער צוקונפט וועלען זיי זעהן די וויכטיגקייט פון אויפפיהרען זיך, ווי עס פאסט פאר יוניאן־מעמבערס.

עס איז מיין מיינונג, נאכדעם ווי איך האב אויסגעהערט אלע עדות, וואס זיינען פארגערופען געווארען, אז די באשולדיגונגען, וועלכע זיינען געמאכט געווארען פון די 3 מעמבערס פון לאקאל 23 געגען די דריי מעמבערס פון דער עלעקשאן קאמיטע פון דעם זעלבען לאקאל, זיינען ניט פעסטגעשטעלט געווארען, און דעריבער ווערען די וואהלען ערקלערט געזעצליך.

מיט ברודערליכען גרוס,
אייבראהאם באראף,
דזשענעראל סעקרעטאר־טרעזש. א. ל. ג. וו. י.

אין דער דרעזיינערס יוניאן לאקאל 45, א. ל. ג. וו. י.

שוין באלד א יאהר ווי די עקזעקוטיווע פון דעם לאקאל ארבייט מיט גרויס שוועריגקייט און מיט מיה קומט אויס אויפצוהאלטען דעם לאקאל. ביי דעם לעצטען סטאפּעדזש, אין 1924, האבען מיר, דרעזיינערס, פילעס דערווארטעט פון דזשאינט באארד. מען האט אונז פארזיכערט, אז מען וועט פאר אונז אויספיהרען ביי די באלעבאטים, אז זיי מוזען באשעפטיגען יוניאן דרעזיינערס, ווי אויך אנדערע פאדערונגען וואס מיר האבען געשטעלט די באלעבאטים. אבער פון די אלע פארשפּרעכונגען און צוזאגונגען האט זיך גארניט אויסגעלאזט.

ביי יענער צייט האט דער לאקאל געהאט אמווייניגסטענס 10 טויזענד דאלאר א יאהר איינקופט. האבען מיר אבער געהאט זעהר א „טיכטיגען" מענעדזשער און דאס געלד איז געווען צו ווייניג צו מענעדזשען דעם לאקאל. און ווען ער איז אוועק, שוין באלד א יאהר, איז נאך איצט דא שולדען אויפ'ן נאמען פון לאקאל. און פון דאן אן געהט דער לאקאל בארג אראפּ. פון איין זייט האבען די מעמבערס אויפגעהערט צו צאהלען דיוס, ווייל זיי האבען פארלארען יעדען צוטרוי, אז מ'וועט אכאל עפעס קענען דערגרייכען פאר'ן בענעפיט פון די דרעזיינערס; און פון דער צווייטער זייט, ווען דער מענעדזשער האט דערזעהן, אז ס'איז ניטא קיין פעי, האט ער אין א שעהנעם טאג געזאגט גוטבאי! מיט איין ווארט, עס האט געהאלטען אז אט־אט און דער לאקאל לייזט זיך אויף, נאר דאך האבען זיך געפונען א פאר צעהנליג מעמבערס וואס האבען זיך ניט געוואלט שיידען מיט'ן לאקאל און מען קען זאגען, אז דאס זיינען די אידעאליסטישע מעמבערס, וואס האלטען אויף דעם לאקאל ביז'ן היינטיגען טאג.

ווען מען האט אויסגעקליבען א נייע עקזעקוטיווע איז צו דער אינסטאליישאן געקומען נאר איין מעמבער, איז אויפ'ן הארצען געווארען זעהר קאלעמוטנע, אבער מיר האבען זיך ניט אפּגעשראקען און מיר האבען זי[...] דאן א שבועה געגעבען, אז מיר [...] נאך אמאל אוועקשטעלען דעם לאקאל אויף א בארען, אז דער דרעזיינער זאל דאך זיין ארגאניזירט, ווייל איצט איז דאס נאך מעהר נויטווענדיגער, ווי ווען עס איז פריהער, א דאנק די געגעבענע לאגע אין דער קלאוק אינדוסטריע.

אין די לעצטע 6 מאנאטען האט די עקזעקוטיווע געהאלטען אין איין קלאַפּען אין די טירען פון די באאמטע פון דזשאינט באארד וועגען א מענעדזשער און מען האט אונז ווידער פילעס צוגעזאגט סיי וועגען א מענעדזשער און סיי וועגען פינאנציעלע שטיצע. נאר ביי די צוזאגונגען איז מען ווייטער געבליבען, ווי אין פילע אנדערע זאכען אין דער פארגאנגענהייט און אזוי האבען מיר עקזיסטירט אין א קריטישע לאגע, ביז עס איז געקומען דער ברודער קאמף אין דער יוניאן. דאס האט געמאכט אויף אונזער לאקאל א גרויסע ווירקונג. די דרעזיינערס האבען אפיציעל ארויסגעצייגט אפענע סימפּאטיע מיט דער עקשאן קאמיטע, און מיר דריקען איצט אויס צופרידענהייט, צוזאמען מיט די צעהנדליגע טויזענטער מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל, וואס האט זיך איינגעגעבען דורך דעם העלדישען קאמף די יוניאן אוועקשטעלען אויף דעמאקראטישע יסודות. מיר זיינען זיכער, אז איצט וועט אונזער לאקאל אוועקגעשטעלט ווערען אויף א געזונטען ארגאניזירטען בארען, וועלכער איז געשאפען געווארען א דאנק דעם אויסגאנג פון ברודער קאמף אין דער אינטערנעשאנאל. דאס וואס מיר האבען ניט געקענט דערגרייכען פאר די לעצטע 8 יאהר, האפען מיר, אז אין קורצען וועלען מיר קענען אנווייזען אויף ממשותדיגע רעזולטאטען.

איצט, ברידער דרעזיינערס, מוזט איהר אלע ווי איינער אריינגעהן אין לאקאל און מיט געאייניגטע כחות בילדען דעם לאקאל און איהם אוועקשטעלען אויף א געזונטען ארגאניזאציאנעלען בארען, וועלכער זאל איבערציינגען די באלעבאטים, אז מיר זיינען א פאראייניגטע מאכט. דאן וועלען זיי מוזען נאכקומען אונזערע פאדערונגען פאר א בעסערען לעבען.

מיר ווייסען, אז א סך פון אונזערע מיטגלידער זיינען שולדיג דיוס. די עקזעקוטיווע האט איצט באשטימט, אז פאר 5.60 דאלאר קען יעדער ווערען צוריק גוטשטעהענד. דער באשלוס וועט אנהאלטען ביז דעם 24טען נאוועמבער, אויך נייע אפּליקאנטען האבען די זעלבע פּריווילעגיע צו ווערען מעמבערס.

ביי דער געלעגענהייט ווילען מיר זאגען א פאר ווערטער צו די קלאוק און דרעס ארבייטער אין די שעפער: ברידער! איהר דארפט דעם דרעזיינער פארשטעהן ווי א ברודער. עס איז שוין אוועק די צייטען, ווען די דרעזיינערס האבען זיך געקענט פארטיידיגען זייער לאגע אויף א אינדיווידועלען אופן. איצט איז אין טרייד אין אלגעמיין א גאנץ אנדער לאגע. דערפאר מוז דער דרעזיינער אויך זיין ארגאניזירט פונקט ווי יעדער ארבייטער, וועלכער איז באשעפטיגט ביי די פרויען קליידער אינדוסטריע. ברידער! זאלען מיר פארשטעהן, אז די דרעזיינערס זיינען פונקט אזוי וויכטיג פאר דער יוניאן, ווי אלע אנדערע טיילען פון די ארבייטער. און ווען מיר וועלען דאס גרינדליך פארשטעהן, וועלען מיר בעסער קאנען קאנטראלירען די טרייד, אז די באנדלאך זאלען נאר אין די יוניאן שעפער געמאכט ווערען.

די עקזעקוטיווע האט אויסגעארבעט א רייהע רעזאלוציעס מיטצוגעבען די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן, וועלכע וועט פארקומען דעם 30טען נאוועמבער, אין פילאדעלפיע. נאר איידער די דעלעגאטען פאהרען אוועק מיט די רעזאלוציעס, רופט די עקזעקוטיווע א ספּעציעל מיטינג פון אלע דרעזיינערס, פאר דעם 24טען נאוועמבער אויף גוטצוהייסען. דער פלאץ וואו דער מיטינג וועט פארקומען, וועט באקאנט ווערען דורך בריוו און דורך דער פרעסע.

ברידער! פארטראכט זיך וועגען דאס אויבען געזאגטע. אונזער יוניאן טרעט איצט אריין אין א נייע עפּאכע פון ענטוויקלונג מיט נייע פיהרער, וועלכע קענען אונזערע נויטווענדיגקייטען פארשטעהן און פארטיידיגען. דערפאר מוזען מיר איצט זיין ארגאניזירט מעהר ווי ווען עס איז פריהער!

א. שעק, מענעדזשער לאק. 45
א. ל. ג. וו. י.

פראנקרייך מאכט נייעם פארזוך צו סעטלען חובות מיט אמעריקע.

דער אמעריקאנער אמבאסאדאר העריק איז גערופען געווארען צו דעם פראנצויזישען אויסלאנדס מיניסטער אין פארבינדונג מיט די פארהאנדלונגען, וואס געהען אן צו סעטלען די חובות־צאהלונגען פון פראנקרייך צו אמעריקע. מען גיט איבער, אז פרעמיער פענלעווע האט באשלאסען וואס שנעלער זיך צונויפרעדען מיט דער אמעריקאנער קאמישאן. דער אויסלאנדס־מיניסטער, זאגט מען, האלט, אז מען טאר די זאך מעהר ניט אפּלייגען און מען מוז קומען צו א פארשטענדיגונג.

א סטייטמענט פון סעקרעטער באראף

ט איז א סטייטמענט וועגען דער
לעגענהייט, וואס סעקרעטאר באראף
צוגעשיקט צום עקזעקוטיוו באארד,
ל 23.

דעם 29טען אקטאבער, 1925.

ער עקזעקוטיוו באארד פון דער
רטמאכער יוניאן, לאקאל 23,
איסט 13טע סטריט,
יארק.

טע ברידער:—

א קלאגע איז אריינגעבראכט געווא־
צו דער אינטערנעשאנאל געגען דער
קשאן־קאמיטע פון לאקאל 23, בא־
הענד פון די ברידער אלטמאן, רא־
וויטש און סיידעלמאן. די קלאגע
געמאכט געווארען פון די ברידער
רמאן, בלאק און גאלד, מעמבערס
לאקאל 23, אין וועלכער זיי זאגען,
עלעקשאן־קאמיטע, און ספּעציעל
ער סיידעלמאן, האבען אין דער
פון די וואהלען געהאט ביי זיך
ע באלאטס צו פעלשען דעם עלעק־
די קלאגע איז אויפגענומען גע־
ן דעם אווענט פון 27טען אקטא־
אין דעם אינטערנעשאנאל אפיס,
ברודער פינקאווסקי, מענעדזשער פון
ל 23, אין די אבדזשעקשאן קאמי־
ווי אויך די עדות זיינען אויסגע־
געווארען.

עס ווייזט אויס, אז דער גאנצער
ך איז ארויסגעקומען דערפון, וואס
כע קאנדידאטען פאר דעלעגאטען
ער קאנווענשאן פון דעם לאקאל
ן געווארען אומגעדולדיג און האבען
געווען די רעגעלמעסיגקייט, מיט
ער די וואהלען זיינען אנגעגאנגען.
יינען געגאנגען אזוי ווייט, ווי בא־
יגען דריי מענשען, וועלכע האבען
הר גוטען רעקארד אין דעם לאקאל
די לעצטע 10 אדער 15 יאהר,
אומערליכקייט.

מען דארף ניט פארגעסען, אז אין
טומעלדיגער צייט, אין וועלכער
ר ארגאניזאציע געפינט זיך איצט,
ערוועהלט געווארען א קאמיטע
צופאסען אויף די וואהלען, וועלכע
ניט באשטאנען פון מענשען, וועל־
האבען אימער געהאלפען דער אר־
ציע, נאר פארקערט, האבען אלע
עפעס געהאט אויסצוזעצען געגען
אדמיניסטראציע און האבען זיך
אל ניט אפּגעשטעלט פון אויסדריי־
זייערע אויסזעצונגען. עס ווייזט
אז זיי זיינען אויסגעקליבען גע־
ן אלס די פאסענדסטע מענשען
פיהרען די וואהלען טאקע צוליב
שטעלונג צו דער אדמיניסטרא־

משך פון דער אונטערזוכונג האט
ר שוגערמאן ערקלערט, אז ווען
יז אריין אין פולינג פלאץ, ארום
רטעל צו 4, דעם טאג פון עלעק־
האט ער געפונען ברודער סייד־
אן, זיצענדיג אויף דעם באלאט־
מיט א פּייפּער אין האנט. ער
געבעטען ברודער סיידעלמאנ'ען,
דאס צו געבען. לויט די בא־
פון די עדות, האט זיך ברודער
למאן געפונען באליידיגט צוליב
אומהעפליכען טאן, אין וועלכען
ר שוגערמאן האט פון איהם פאר־
דעם פּייפּער, און האט זיך דער־
אנטזאגט איהם דאס צו געבען,
אבוואהל ער האט נאכהער ערקלערט, אז ער וואלט עס איהם געגעבען, אויב ער וואלט עס פארלאנגט אויף א שעהנעם אופן. צוליב דעם, וואס ער האט ניט געקראגען דעם פּייפּער, האט ברודער שוגערמאן חושד געווען, אז עס געהען אן אומרעגעלמעסיגקייטען און האט ברודער סיידעלמאנ'ען באשולדיגט מיט האבען פאלשע באלאטס ביי זיך — א באהויפּטונג, וועלכע איז ניט באוויזען געווארען פון די עדות, און צוליב דער באשולדיגונג איז פארגעקומען א פייט.

דורך די באווייזע איז ארויסגעבראכט געווארען, אז אין דער צייט, וואס זיי האבען זיך געשלאגען, איז ברודער סיידעלמאן צוגעגאנגען צום טיש, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען די באלאטס, און האט אויף זיי אוועקגעלייגט דעם דערמאנטען פּייפּער. ברודער שוגערמאן, אין זיין נייגעריגקייט צו קריגען דעם פּייפּער, האט אנגעכאפּט עטליכע באלאטס. אין די באווייזע איז אבער גארניט ארויסגעבראכט געווארען צו באפעסטיגען ברודער שוגערמאנ'ס באהויפּטונג, אז אימיצער האט איהם געזעהן נעהמען די באלאטס פון סיידעלמאנ'ען. אלע האבען צוגעגעבען, אז די טירען זיינען געווען אפען אין דער צייט, ווען די וואהלען זיינען אנגעגאנגען, כדי אלע זאלען קענען זעהן, וואס עס קומט פאר. עס איז דעריבער אומעגליך צו גלויבען, אז אימיצער פון דער קאמיטע וואלט געוואגט צו פעלשען באלאטס אונטער אזעלכע אומשטענדען.

נאך א פאקט, וועלכער איז ארויסגעבראכט געווארען בנוגע די צאל באלאטס, באווייזט, אז 825 באלאטס זיינען ערהאלטען געווארען פונ'ם פּרינטער. לויט דער רעכענונג פון דער קאמיטע, איז פון דער צאהל 426 פארצייכענט געווארען אלס האבענדיג געשטימט, 376 זיינען געבליבען בלאנק, 20 זיינען צוריסען געווארען און 3 זיינען באנוצט געווארען אלס טאלי־שיטס צו פארצייכענען די שטימען. דאס באווייזט, אז די עלעקשאן־קאמיטע קען אפּגעבען רעכענונג וועגען יעדען באלאט, וואס זי האט ערהאלטען.

בנוגע דער באהויפּטונג, אז דער מענעדזשער האט צוריסען 20 באלאטס, פון וועלכע עטליכע זיינען געווען בלאנק און אנדערע געספּאילט לייגט זיך אויפ'ן שכל, אז דאס האט געקענט פאסירען אין דער אויפרעגונג, ווייל לויט דעם סטייטמענט וואס איז געמאכט געווארען, איז די גרופּע, וואס איז זיך צוזאמענגעקומען אין יענער צייט, געווען גרייט אפילו איינגאנצען צוצוברעכען

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. A. SCHOOLMAN, Business Manager
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VII. No. 45. [redacted] New York, September 6, 1925
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פראווינץ צייטונג

פון מרים קארפילאוו.

(פארטזעצונג)

— האט ער פארטראכט געזאגט.
...טראכט איהר?
...יך נעהמען דעם נעקסטען ראמאן?
...־קליינער.

...רוואונדערט אנגעקוקט. כ'איהם געזאגט ...נמען דעם ...ען קריגען ראמאנען. האט ער ...ס ניט זיכער, אויב די ראמאנען וועלען ...וויזער" בארארף האבען, און געבעטען ...יט אנדערע זאכען ניט לאזען אין מיטען, ...ר עדיטאריעלס און אנדערעס כאטש אויף ...ן.

...ערמיט באזארגט.

...ארען, וואס ס'אויף זיי אויך א רחמנות. ...מסתמא ארייגעפאלען אזוי, אז ער האט ...ען. סאן האט מיר געזאגט, אז ער האט ..."וו.־וו." ארייננעליינט, אזוי אז ער איז ... פרייער רעדאקטאר, נאר א געבונדענער. ...טנער אין די קלאנעדיגע „ביזנעס".

...ידער דערמאנט וועגען די רייזע־קאסטען. ...ט שענקען. איך זאל אויספילען אזא צע־...ער בוק־קיפער־סעקרעטארין, זי זאל דאס ... כ'זאל זי שוין צו איהם שיקען.

...־קיפערין האט זיך מיט א זויערע מינע ...ן און דעם צעטעל א ניט־אקיעטען פאר ...ליינט.

...יט געוואלט אקעי'ען. געזאגט מיט כעס: ...הר!"

...עהר אויפגעבראכט דערפון. ס'טייטש ער ... אליין געערדט וועגען דעם, אז ער וועט ...אהלען.

...איז אויך געווען דיסקאסטעט — „טשיפ ...ן אנגערופען, „מיען טהיכג" א. ד. גל. ... ס'געלט ניט געקראגען. אין אמת'ן האב ... דעם אפריהער. דאס איז פאר מיר קיין ...ארער אנטושוינג ניט געווען.

...אפיס א פארביסענער אזא ארויסגעקומען ...יק־פען! (וואס איז אויסגעקומען צו דער ...יר) אפגעשטעלט: וועמען ס'איז דא צו ... ביים ווינדאו... און אויפ'ן סירקולייישאן־... זיך צושריען, פארוואס ער לעשט ניט ...מפען דא און דארט. נאכדעם איז ער ...ם און נאך דארט געקריגט מיט די זעצער. ... געקאכט די רציחה.

...ם רעם האט נעבאסעוועט, האב איך ביים ...ייענט א בריף, וואס איז מיר ערשט פון ... אין דעם בריף האט זיך צווישען אנדע־...

... וואס קלייבט זיך שוין אזוי לאנג ארויס־...ן ערשיינען: נאך פאר לייבאר־דעי. עס ...ן איך, דאס איהר זאלט קומען אין ניו ...ם אליין, ווייל איהר זייט דאך איינע פון ... אנגעשטעלטע.

...הר שוין מעגען פארלאזען בין מיט איהר־... אייער כבוד—שמאטערינען פייפער. עס ...פטר'ן צייט אין דער פראווינץ, ווען איהר ...ארק. ס'א וואונדער, ווי אזוי איהר קענט ... האלטען. מיר פארדעכטיגען אייך אין ...ן ראמאנען, ניט בלויז שרייבען). דאס ...ס די איינציגע בארעכטיגונג פאר אייער

...ות געלאזען סאנ'ען איבערלייענען און ער

...אין ניו יארק פאר מיינעטוועגען א פלאץ ...גט דארט פאר מיר א גוט ווארט. איהר ...ארבייטען, ווי —

...רד! העלפט מיר ארויסרייסען זיך פון ... וועל דא ניט שטארבען, וועל איך משוגע ...יך און פארטיט מיר, וואס כ'אייך בעהאל־...ען, גלויבט מיר, דאס ווען איך וואלט ... איך דא אזוי „טריטען", וואלט איך ניט ... אהער קומען. אויף מיר האבען זיי אויך ...פגעווארפען.

...יי, ס'בלויז ער, רעט.

... רעט. ס'איז דער רעדאקטאר אויך און ...ט היגטער זיי, וואס „בעקט" זיי. ס'א ...לאטסטארס, ביי וועמען יעהער איינער ... שרייבער. אן איבעריגע זאך איז דאס ...יש! זאגט איהר מיר צו פאר מיך אין ... צו זאגען? זאגט עס מיר צו!

...ם צוגעזאגט.

...פיס, ווען זיי האבען דערהערט וואס פאר ...מיך אין ניו יארק, האבען זיך געפרעהט

...ם גייער, וועלכע פלעגט הורכ'ן טעלעפאן ...מענטס פאר'ן „ה.־וו." און אלע ווילע ... כאטש!" האט מיר צוגעזאגט צו שריי־...

בען, אויב איך וועל איהר נאר ענטפערען. וועל איך איהר ענטפערען?

איך האב איהר צוגעזאגט צו ענפערען.

מיר האבען זיך פריינדליך געזעגנט.

סאן און בארג זיינען מיט מיר ארויין צום לעצטען מאל אין „קינד'ס" רעסטאראן, וואו מיר האבען, ריידענדיג וועגען די גרייזען אין „וועג־ווייזער", מעהר אנגעלאכט ווי געגעסען.

בארג האט זעהר געלונגען אימיטירט דעם 3־דאלארדיגען מיטארבייטער, ווי ער שטעקט ארויס דעם צונג און געהט מיט איהם פון איין זייט מויל ביז'ן אנדערען, ד. ה. נאך דעם גאנג נאך פון זיין פען פון אנהויב ביז'ן סוף ברייטען שטיק פאפיר. היינט ווי רעם קוקט אויף זיין ארבייט מיט אויטאריטעטישע ווירדע, קלאפט איהם איבער'ן פלייצע און זאגט טס'אלרייט!

סאן האט נאכגעמאכט רעט'ן. ווי ער קריטיקירט זיין פראנט־פיידזש. די קאפ איז צו גרויס. די קאפ איז צו קליין. די קאפ דארפען מיר גאר אראפנעהמען. די שטיקעל נייעס דארף מען מאכען אין א קעסטעלע. וואס זשאלעוועט ער קעס־טעלאך, וואס? ס'דא פלענטי! און וואס איז דער מער מיט דער אידישער שפראך ביי איהם? — ווער זאגט דאס אנטוישטע, אז ס'פאראן דיסאפאינטעטע און וואס איז דאס פאר אן אי־בערראשט? וואו איז דער „סופרייזד", הינט האבען איהם אויפ־געגעסען? און וואס איז דאס פאר אן אומאפהענגיגע, אז ס'דא אידעפענדעטע? א. אז. וו. א. אז. וו.

15.

זיך אפגעזעגענט מיט'ן „וועג־ווייזער", געזאגט אלעמען „גודבאי", געוואונשען „גוד־לאק", אפילו רעט'ן אויך און — אוועק צום ים.

ביים ים געטראכט די אלע געדאנקען, וואס זיינען אויפ'ן זינען ארויפגעשוואומען.

א וואך איז אזוי אוועק. מיר האט זיך געוואלט זעהן דעם „וועג־ווייזער", וואס פאר א פנים ער האט אהן מיר. כ'האב איהם קוים מיט צרות געקראגען און איך זעה — מיין ראמאן געהט נאך. אמת. קליינינקע פארזעצונגען, אבער ער געהט, און אונטער די עדיטאריעלס, וואס זיינען שוין ניט פון מיר געשרי־בען — מ י י ן נאמען!

בין איך נאך, ה. ד., אין „וועג־ווייזער", ווען איך בין שוין דארטען נ י ט א? — וואס איז די חכמה? און וואו איז יושר?

איך נעהם זיך לייענען די עדיטאריעלס, וואס זיינען ניט מיינע, און די וועלט מיינט, אז ס'מיינע. איך בין נייגעריג צו זעהן, ווי „איך" שרייב, ווען איך שרייב ניט.

און איך לייען דארט וועגען:

„אונזערע פארפיהרטע נשמות, וואס פון אונזערע אידישע צניעות איז געווארען. ווי זיי געהען מיט די מענער „פיפטי־פיפטי". און פארוואס זיינען מיר, אידישע טעכטער, אזוי אויסגעלאסען געווארען? פארוואס אזוי חרוב געמאכט די טהרת המשפחה ביי אידען, אראפ אזוי נידריג פון הויכען סטענדערד אין צניעות? ! פארוואס! ? !...

„אט לייען איך", זאגט דער עדיטאריעל, „א לעטער פון א לעזערין, שוין וועט ניט קיין ספרינג טשיקען, און דאך גלוסט זיך איהר אויסבייטען איהר מאן אויף אן אנדערען, א געליב־טען.

דא קומט דער בריף פון דער לעזערין אזוי ווי פון די ריכ־טיגע בריף, און דער עדיטאריעל־שרייבער, וואס איז סופאוזד צו זיין א י ך, זאגט:

„אט אזוי שרייבט'ס א פרוי, א אידישע טאכער, וועגען אן אייגענעם מאן, וואס זי האט מיט איהם אפגעלעבט א וועלט! ערצויגען קינדער, זיך געטיילט די פרייבען און לידען און אלץ מיט אלעם מיט אן אנדערע, וואס אז מען זאל דאס אויסרעכענען, וועט קיין פייפער ניט קלעקען. בלויז צו עראינערען אזא מין פארשוין, איז נענוג ארויסצוברענגען א רויטען פלעק אויף די געהירען פון די רעכטדענקענדע, עהרליך־פיהלענדע מענשען!"

ווייטער באקלאגט זיך דער עדיטאריעל אויף א געוויסע צייטונג, וועלכע ניט אפ פאר אזעלכע בריף דעם סאמען אויבען־אן, דערפאר, וואס זי, די געוויסע צייטונג, האט אויפ'ן לעטער פון דער מיאוס'ער פרוי געענטפערט אזוי צו זאגען:

„די עלטער דארף אויך שטרעבען צו פארבעסערען דעם לעבען, פארקערט, אונזער מיינונג איז, דאס מען דארף אלעמאל זעהן צו געניסען פון גליק, פון רענעלע ליבע. מיר באוואונדע־רען אייער מוט און ווינשען סוקסעס אין אייער מאכען די אי־בערקערעניש אין לעבען!"

אט אזא מין צאינה וראינה, זאגט דער עדיטאריעל, האט דער געוויסער פייפער דארטען (ניט אין בין) ארויסגעגעבען דער פארפיהרטער פרוי מיט דער פארפאלגטער נשמה. איז שוין א וואונדער, וואס אונזערע צניעות זיינען אזוי פאר־דארבען? !

„דער אידישער וועגווייזער" וועט נ ע ו ו ע ר אזוי ענטפערען אויף א לעטער וואס אן עלטערע פרוי פון א מאן מיט קינדער וועט אזוי שרייבען! ווייל „דער אידישער וועגווייזער" היט אפ אונזער טהרת־המשפחה און וועט קיין אשת איש ניט אינקארעדזשען!..."

אין א צווייטען עדיטאריעל האט זיך געערדט וועגען דעם וואס א פרוי פארגעסט אפט.

וואס אן ערך פארגעסט זי? אט וואס: אנשטאט לויפען צו האקטוירים — בעסער נעמען א וואכע!

(פארזעצונג קומט.)

דער רעגענשירעם

(פעליעטאן)

פון ז. וווהילער

איבער גאנץ אייראפא ווערט איצט געפייערט א גרויסארטיגער יובילעאום: עס איז געווארען הונדערט און פינף און זיבעציג יאהר זינט דזשאנאס האנווי, אן ענגלישמאן, האט געוואגט צו שפאצירען איבער די לאנדאנער גאסען מיט א רעגענ־שירעם, וואס ער האט געבראכט פון כינע. דאס איז געווען דער ערשטער רעגענשי־רעם, וואס אייראפא האט געזעהן.

די ציימונגען אין דייטשלאנד, אין ענגלאנד און אנדערע לענדער ווידמען גרויסע ארטיקלען אט דער זאך, וואס איז ניט קיין כלי און ניט קיין מלבוש, און זיי רעכענען אויס די פארשיידענע מעלות זיינע און זיין ווירקונג אויף דער ענטוויק־לונג פון דער מענשליכער קולטור פאר די לעצטע 175 יאהר.

רעגענשירעמס, איז א סברא, האבען שוין עקזיסטירט נאך מיט טויזענטער יאהרען צוריק אין רוים, אין גריכענלאנד און אין אזיען. אבער אין אייראפא האט מען פון זיי ניט געוואוסט. ערשט אין אקטאבער, 1750, איז צוריקגעקומען פון כינע דער פריהער דערמאנטער ענגליש־מאן דזשאנאס האנווי און מיטגעבראכט מיט זיך א רעגענשירעם.

עס איז לייכט זיך פארצושטעלען וואס פאר אן אנגעלויף עס איז געווארען ווען האנווי האט זיך באוויזען מיט דעם רע־גענשירעם. נאר, מעשה נסים, אנשטאט צו באווארפען ווערען מיט שטיינער, איז דזשאנאס האנווי נאר געווארען דער העלד פון טאג און גאנץ אייראפא האט אויפגעכאפט דעם רעגענשירעם.

איצט ווערט האנווי געשילדערט אלס איינער פון די גרעסטע מענשען וואס הא־בען באגליקט דער מענשהייט. טאמאס עדיסאן וואלט זיך ווינשען, אז מיט 175 יאהר שפעטער זאל מען איהם אזוי ליבען און בענשען ווי מען ליבט און מען בענשט איצט דעם רעגענשירעם־ברייננער.

די הויפט מעלה פון דעם רעגענשירעם איז, וואס ער איז פארבליבען די גאנצע צייט דער זעלבער. מען האט איינמאל גע־פרואווט אין פראנקרייך מאכען רעגענשי־רעמס מיט גלעקלאך, און איינמאל אין דייטשלאנד רעגענשירעמס מיט עלעקטרי־שע לעמפלאך, אבער דער עולם האט הפנים ניט געוואלט די דעקאראציעס, ווייל דער איינפאכער, אריגינעלער רעגענשירעם האט זיי אלעמען באזיגט.

דער רעגענשירעם איז ביי אונז בא־וואוסט אונטער דריי נעמען: רעגענשי־רעם, פאראסאל און אויך אמברעלא. צו־געמענישען וואלט ער געקענט האבען אהן א שיעור. דער פארפאלענער, דער פארלא־רענער, דער אנטליהענער, זיינען בלויז א טייל פון זיי.

דער כאראקטער און די רעפוטאציע פון מאנכע מענשען איז פארבונדען מיט דעם רעגענשירעם. שטעלט אייך פאר א שדכן אהן א רעגענשירעם... און ניט נאר ביי אונז אזוי. אט ווערט דערצעהלט, אז דער באריהמטער אמעריקאנער רעדאקטאר האריים גרילי, האט אהן דעם רעגענשירעם קיין טראט ניט געטאן.

עס איז אמאל אנגעגאנגען אין אמע־ריקא א גרויסער פראצעס צו באשטימען צי אין א רעגענשירעם איז דא פריוואט־אייגענטום. דער סופרים קאורט פון אקלאהאמא האט געזאגט אז יא. אבער עס איז ניט קלאהר וועמעס אייגענטום. צי דער רעגענשירעם איז דאס אייגענטום פון דעם וואס האט איהם געקויפט, צי פון דעם וואס האט איהם...

צו פארלירען אדער פארגעסען א רע־גענשירעם איז כמעט ווי א נאטירליכע זאך. א מענש וועט פיהלען א שטארקע־רען „רים אין הארצען" ווען ער זאל פאר־לירען א קוואדער, ווי ווען ער זאל פארלי־רען א רעגענשירעם וואס קאסט עטליכע דאלאר. עס איז שווער צו געפינען א מענ־שען אויף דער וועלט וואס האט אויף זיין לעבען ניט פארלארען כאטש איינעם אדער צוויי רעגענשירעמס. עס איז אויך שווער צו געפינען א מענשען וואס זאל האבען פארביטען זיין רעגענשירעם און ניט מענה'ן אז ער האט געקראגען אן ערגער־רען...

מען האט אויך געזוכט אין די מוזע־אומס א מענשען וואס זאל האבען געפו־נען א פרעמדען רעגענשירעם און איהם צוריקגעקעהרט און מען האט נאך דערוויל אזא מענשען ניט געפונען.

עס ווערען אויך געשטודירט די עטישע און עסטעטישע ווירקונגען פון דעם רע־גענשירעם. עס איז פאר פילע ניט פאר־שטענדליך פארוואס אין אייראפא מענען מענער זיך באשיצען פון דער זון מיט א פאראסאל און אין אמעריקא איז א בזיון פאר א מאנסביל צו געהן איבער'ן גאס אין א זונינען טאג מיט אן אמברעלא.

דער רעגענשירעם ווערט געלויבט אלס א געשאנק וואס שלעפט ארויס פון א פארלעגענהייט. ווען מען איז אין ספק,

(שלוס אויף זייט 12)

...איינגטע אידישע געווערקשאפטען

לעצטער מיטינג פון די פאר־
אידישע געווערקשאפטען איז
טען געווארען מאנטאג אבענד,
טען אקטאבער, אונטער דעם
פון מ. אייבראמסאן, טשערמאן,
גאלדראוסקי, וויס טשערמאן,
טוטסייד קאמיטע ווערען ער־
די דעלעגאטען וואלפערט, סא־
און ראזענבערג.

ראטאקאלען פון דעם לעצטען
רענצמעטינגען און פון דער ־עק־
באארד) ווערען פארגעלעזען
געהייסען. די קאמיטע צו די
און קלינערס ערקלערט, אז זי
באריכט אפצוגעבען, נאר אזוי
עלעגאטען פון דער קלינערס און
וניאן זיינען ניט אנוועזענד, און
עהר וויכטיג, אז זיי זאלען יא
ם אפגעבען פון באריכט, פאר־
זיי, אז א בריף זאל געשיקט
ו דער קלינערס און דייערס יו־
אז די דעלעגאטען פון דיזער
אלען אויפגעפאדערט ווערען צו
ום נעקסטען מיטינג פון די גע־
פטען, און דאן וועט דער בא־
ונגעבען ווערען און די דעלעגא־
לען קענען האנדלען. עס ווערט
ם.

קאמיטע, וואס איז ערוועהלט גע־
אויסצוהערען קלאגען געגען א
טער פון דער שוה סיילסמענ'ס
באריכטעט, אז זי האט אויסגע־
דעם אנקלעגער און זיי האבען
ען, אז די קלאגע זאל אריינ־
ם ווערען צו דער שוה סיילס־
וניאן דירעקט, און אז די קאמי־
די געווערקשאפטען זאל ביי יע־
טינג פון דער יוניאן זיין אנווע־
אכדעם ווי די יוניאן וועט אויס־
אלע צדדים, וועט די קאמיטע
ענגען א פאלשטענדיגען באריכט
הרע רעקאמענדאציעס.

י א פארשלאג ווערט באשלאסען,
י באריכט פון דעם סעקרעטער
געווערקשאפטען וועגען דער קאנ־
ן פון דער אמעריקאן פעדעריי־
ן לייבאר, זאל אפגעגעבען ווע־
י דעם נעקסטען מיטינג פון די
שאפטען און דאס מען זאל ווע־
ם שרייבען אין די פרעס־נאטי־
אויך זאל מען ביים זעלבען מי־
פגעבען א באריכט וועגן דער
י קאנפערענץ וועגן דעם 15־מי־
לארדיגען דרייוו.

ענאטען פון דער בעקערס יוניאן
87 באריכטען, אז דאס פובליקום
אנזוויל שטעהט אימער געטריי
ר זייט פון די קעמפענדיגע אר־
און דאס מיט זייער הילף איז
זייער לאקאל צו געווינען פילע
ן שעפער. די אגיטאציע פאר
יאן לייבעל ברענגט גוטע רעזול־
דער עולם פארלאנגט דעם
אויף דעם געבעקס און דאס
דער יוניאן און צווינגט די בא־
ויפצוגעבען זייער פארביסענעם
געגען דער בעקער יוניאן. זיי
די געווערקשאפטען פאר דער
וואס זיי האבען נעקראגען און
אויך אויס א טיפע אנערקענונג
ליקום פאר זייער טרייהייט צו
ביטער זאך.

רעלעגאטען פון דער בעקערס
לאקאל 163 ערקלערען, אז די
גמטל און מייערס זיינען ניט
אן שעפער און דאס זייער לאי־
חרט איצט אן אן אינטענסיווע
ע פאר זייער יוניאן לייבעל. עס
צוויפעל ניט, אז דער ברייטער
נם פארלאנגען ברויט מיט דעם
פון דער בעקערס אינטערנעשאנעל

נאטען פון דער לאנדרי ארבייטער

טער אינטערנעשאנעל יוניאן, לאקאל 28 באריכטען, אז זיי האבען געמאכט א קאלעקטיוון אגרימענט מיט זייערע באַ־לעבאטים, וועלכע גיבען צו 400 אר־בייטער פארבעסערטע קאנדיציעס; די ארבייטער געווינען אויך א העכערונג אין ווייזשעס.

נייע דעלעגאטען ווערען צוגעלאזען; פון דער בעקערס יוניאן לאקאל 87 — פיליפ שווארץ און מאריס גראס; פון די לאנדרי ארבייטער אינט. יוניאן לאק. 28 — ל. קליין און ב. שניידמאן; פון די קלאוק אפערייטארס לאק. 2 — ב. ראזענטאל. די אנדערע צוויי, ב. רובינ־שטיין און ס. שעלי, זיינען ניט געווען אנוועזענד, און דערפאר ווערט באשלא־סען צוצולאזען זיי, ווען זיי וועלען קו־מען צום מיטינג.

מ. פיינסטאן, סעק.

קאמישאנער מאנאהאן ביי יוניאן העלטה סענטער פייערונג נעקסטען דאנערשטאג.

דר. פרענק מאנאגהאן, געזונטס־קא־מישאנער פון דער שטאדט ניו יארק, מר. האפקינס, דירעקטאר פון דער טובערקו־לאזיס סאסייעטי; דר. עדווארד האכ־בוי, סעקרעטער פון דער אידישער קאנ־סאמפטיוו אסאסיאיישאן; דר. הייאט, פון דער מעטראפאליטען אינשורענס קאמפאני; מאריס זיגמאן, סידני היל־מאן, ב. שלאסבערג — אט די אלע און אנדערע באוואוסטע יוניאן־פיהרער און כלל־טוער וועלען זיך באטייליגען אין דער פינף־יאהריגער יובילעאום פייערונג פון דעם העלטה סענטער פון דער אינ־טערנעשאנעל לידיס גארמענט וואירק־ערס יוניאן. די פייערונג וועט אפגע־האלטען ווערען דאנערשטאג און פריי־טאג, דעם 5טען און 6טען נאוועמבער, בייטאג און אין אווענט, אין דער נייער דענטאל קליניק פון דעם סענטער, אויף דעם 6טען פלאר פון 222 מערטע עווע. (קארנער 18טע סטריט). ווי באקאנט, האט דער סענטער אויף אזוי פיל פאר־גרעסערט זיין טעטיגקייט אין די פינף יאהר פון זיין עקזיסטענץ, דאס דער דענטאל קליניק האט זיך געמוזט איבער־ציהען אין דער נייער היים, וועלכע איז פראכטפול אויסגעשטאטעט מיט א גע־ראמען ווייטינג רום און מיט 24 צאהן־קאבינעטען, מיט עקס־ריי, „ברידזש" און „פלייט" און קינדער דעפארט־מענטס. יוניאן לייט און זייערע פא־מיליעס קריגען דארט א פריינדליכע אויפנאמע, א פרייע עקזאמינייטשאן און די בעסטע באהאנדלונג פון ספעציא־ליסטען צו קאסט פרייזען. דער קליניק איז געוועהנליך אפען פון 10 אין דער פריה ביז 7 אין אווענט, אבער דעם 5טען און 6טען נאוועמבער וועט ער זיין אפען ביז שפעט אין דער נאכט, כדי דאס פובליקום זאל קענען ווי געהע־ריג באוואונדערען די דאזיגע מערקוויר־דיגע אינסטיטוציע פון און פאר ארביי־טער. אייננטריט איז פריי און אלע זיי־נען ווילקאמען.

אין ארבייטער אוניווערזיטעט.

די ערשטע לעקשור פון דר. עמאנועל האלאוויי, איבער: „א סאציאלער שטודיום פון דער ליטעראטור", וועט געגעבען ווע־רען שבת, דעם 14טען נאוועמבער, 1.20 נאך מיטאג, אין דער וואשינגטאן אירווינג הייסקול, אירווינג פלייס און 16טע סטריט, רום 530.

אויפרוף פאר א אידישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט

ס'איז געקומען די צייט צו ארגאני־זירען די אידישע וויסענשאפט וואס זאל דינען די אידישע פאלקס־מאסען צו שאפען א היים פאר דעם אידישען וויסען.

דאס איז דער צוועק פון דעם גע־פלאנטען אידישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט. דער אינסטיטוט איז א רעזולט לעבענס־נויט, וואס שטאמט פון אונזער גאנצער קולטור־ענטוויקלונג. דער געדאנק וועגען דעם אינסטיטוט שטיצט זיך אויף רעאלע קולטור־פאק־טען אויף דעם פארצווייגטען אידישען שול־וועזען אין אלע אידישע שטעדט און אויף דעם אנהויב פון א וויסענ־שאפט אויף אידיש וואס מיר פארמאגען שוין איצט.

דאס אידישע שול־וועזען האט שוין איצט דערגרייכט א פעדאגאגישע מדרגה, וואס ווערט געשעצט אין דער פעדאגאגישער וועלט: אזעלכע אויס־גאבען ווי די „אידישע פילאלאגיע" און „בלעטער פאר דעמאגראפיע, סטאטיס־טיק און עקאנאמיק" זיינען בכלל דאס איינציגע פון דעם ארט אין די דאזיגע צווייגען פון וויסען. פאראייניגען דיזע העכערע קולטור־ארבייט, געפינען די געהעריגע מעטאדעס וואס זאלען אם בעסטען זיין צוגעפאסט צו דעם צוועק: צו דינען דער אידישער מאסען־קולטור און איהרע אידעאלען, דער געזעלשאפט־ליכער ענטוויקלונג פון אונזערע פאלקס־מאסען, שאפען א מעגליכקייט פאר אונ־זערע וויסענשאפטלער זיך אפצוגעבען מיט זייער ארבייט, שאפען פאר דער וויסענשאפטליכער פארשונג א פעסטען פונדאמענט און א העכערען קאנטראל, — דאס זאל זיין די ארבייט פונ'ם אידישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט.

דער פלאן פון דעם אינסטיטוט האט שוין די צושטימונג פון וויכטיגע אידי־שע קולטור־ארגאניזאציעס (די אידישע שול־ארגאניזאציע אין פוילען, דער צענטראלער בילדונגס־קאמיטעט אין ווילנע, די אידישע שול־ארגאניזאציע אין לעטלאנד, קולטור־ארגאניזאציעס אין ליטע, רומעניע, א. א. וו.). אויך פון וויסענשאפטס־מענשען.

וועגען די טעארעטישע און פראקטי־שע זייט פונ'ם אינסטיטוט וועט האבען צו זאגען דער איינציגער אויטאריטעט וואס איז ביי אונז מעגליך: דער צו־זאמענפאהר פון אידישע וויסענשאפטס־מענשען מיט פארטרעטער פון צענ־טראלע קולטור־ארגאניזאציעס פון אלע לענדער, וואס דארף פארקומען אין פריהלינג 1926.

אבער שוין ביז יענער צייט, באלד, מוז און קען עפעס געטאן ווערען, כדי ארויסצוהויבען די אידישע וויסענשאפט־ליכע ארבייט פון דער איצטיגער גע־דריקטער לאגע, צו שטיצען דאס וואס ווערט שוין איצט געטאן, צו ארגאניזי־רען אלעס וואס איז מעגליך צו טאן און צו שאפען די בעסטע צוגרייטונג פאר'ן קומענדיגען אינסטיטוט.

די פארבערייטונג וועגען אינסטיטוט מיט פארטרעטער פון פארשידענע לענ־דער (פוילען, דייטשלאנד, פראנקרייך, ליטע), וואס איז פארגעקומען דעם 7—12 אויגוסט אין בערלין, האט אויס־געארבייט א געוויסען פלאן פון אזא ווי־סענשאפטליכער ארבייט ביז'ן צוזאמענ־פאהר.

1. ס'ווערען געגרינדעט וויסענ־שאפטליכע סעקציעס: פאר אידישער געשיכטע (בערלין), פעדאגאגיק (ווארשע), פאר אידישער פילאלאגיע (ווילנע) און פאר סאציאל־עקאנאמישע ווי־סענשאפטען (בערלין). דער צוועק פון די סעקציעס איז: אריינציהען אונזערע וויסענשאפטלער אין א קאלעקטיווער אר־בייט און צו צוגרייטען מאטעריאל פאר וויסענשאפטליכער ארבייט בכלל.

ביי דער פילאלאגישער סעקציע וועט געשאפען ווערען: א צענטראלע קא־מיסיע פאר אידישער ביבליאגראפיע, א צענטראלע קאמיסיע צו זאמלען אידי־שע פאלקס־לידער, מעשיות, ווערטלאך, א. א. וו.; א קאמיסיע פאר אן איינ־הייטליכע אויסליינונג פון אידיש. ביי דער סאציאל־עקאנאמישער סעקציע וועט געשאפען ווערען א סטאטיסטישער קאבינעט, וואו עס וועלען אויסגעארבייט ווערען פראגראמען פאר עקאנאמישער אויספארשונג. ביי דער היסטארישער סעקציע וועט געגרינדעט ווערען אן אר־כיוו.

2. פון אנהויב 1926 זאלען ארויס־געהן „שריפטען פון דעם אידישען ווי־סענשאפטליכען אינסטיטוט" פאר אלע פיער סעקציעס לויט דעם טיפ פון דער „אידישער פילאלאגיע" און די „בלעטער פאר אידישער סטאטיסטיק, דעמאגרא־פיע און עקאנאמיק". פאר'ן ערשטען יאהר זאלען ארויסגעהן א 100 דרוק־בויגען.

ניט שפעטער פון אנהויב 1926 זאל אנהויבען ארויסגעהן א צוויי־חדש'דיגער „אינפארמאציאנס־בלאט" פאר דער אי־דישער וויסענשאפטליכער ארבייט און פאר דער אידישער קולטור־באוועגונג בכלל.

דאס איז בקיצור די פראגראם פאר דער נאהענטער צוקונפט.

מיר גיבען זיך אפ א קלארען חשבון ווי שווער דאס איז דורכצופיהרען ביי אונזער ארעמקייט; מיר וויסען אבער, אז דאס איז נויטיג, דעריבער מוז דאס אויך מעגליך ווערען. מיר לייגען אונ־זער האפנונג אויף אלע פריינד פון דער אידישער פאלקס־קולטור, מיר ווענדען זיך מיט אונזער רוף צו אידישע פאלקס־מענשען, צו וויסענשאפטס־מענשען, שרייבער, קולטור־טוער, צו יעדען וואס וויל זיך באהעפטען צו דער גרויסער קולטור־זאך. זאלען וויסענשאפטס־מענשען העלפען, מיט אונז מיטארביי־טען, זאלען שרייבער אויפקלערען אונ־זערע צילען און דער באדייטונג פון אונ־זער זאך, זאלען אנדערע שטיצען מיט זייער מאטעריעלער הילף.

העלפט בויען און פארשפרייטען די אידישע וויסענשאפט!

דער ארגאניזאציאנס קאמיטעט פאר דעם וויסענשאפטליכען אינסטיטוט:
דר. מ. ווינרייך, א. טשעריקאווער און נ. שטיף.

אנערקענען די ארבייט פון שאפ טשערמאן און די באאמ־טע פון לאקאל 20.

ווערטער רעדאקטאר:—

מיר, די ארבייטער פון אייבראמס ענד טארקעלטאבס שאפ, 315 קריסטא־פער עוו., אנערקענענדיג די גוטע, אק־טיווע ארבייט פון אונזער שאפ טשער־מאן, בר. בארני איינגעלסבערג, זיינע אונערמידליכע טריישאפט און איבער־געבענהייט צו אלע ארבייטער פון שאפ, — דריקען אויס אונזער פולען צוטרויען און אנערקענונג, און ווינשען, דאס ער זאל ווייטער טאן גוטע ארבייט. און אלס דאנק פון אונז פרעזענטירען מיר איהם מיט איין דיימאנד רינג און ווינ־שען איהם פיל גליק און פאמיליען פריי־דען.

מיט ברודערליכען גרוס,
די קאמיטע.

דזשאזעף יאניש — סעם פיינגאלד
דזשעק רייבאק — אייב בלאק
דייוו קארל — סעם זאלקין
טשארלי ראזענבלום

נ. ב. ביי דער זעלבער געלעגענהייט איז אנגענומען געווארען אן איינשטימיגע רעזאלוציע, דאס מיר אלע ארבייטער פון אונזער שאפ דריקען אויס אונ־זער אנערקענונג און איבערגעבענהייט צו אונזערע אפיסערס פון דער יוניאן, די ברידער גיננאלד און וויינגארט, פאר זייער אונערמידליכע גוטע אר־בייט פאר'ן טרייד אין אלגעמיין און פאר אונזער שאפ אלס א טייל מיט דער האפנונג צו ווייטער זעהן זיי טעטיג און ערפאלגרייך אין זייער גו־טע ארבייט. די קאמיטע.

דער לאקארנאר אפמאך האט נאך ניט געבראכט קיין שלום.

דער געוועזענער סאציאליסטישער פרעמיער פון ענגלאנד ראמזי מעקדא־נאלד וועלכער האט זיך נאר וואס צוריק־געקעהרט פון א רייזע איבער צענטראל אייראפא, האט אין אן אינטערוויו מיט'ן „הערלד" קארעספאנדענט געזאגט, דאס כאטש דער לאקארנא זיכערהייטס־אפ־מאך קען באטראכט ווערען אלס דער ער־שטער שריט צו פרידען, האט ער אבער אויף קיין פאל ניט געסעטעלט די ריכטיגע פראבלעמע פון אייראפא.

„די ריכטיגע פראבלעמע צו לייזען איז אין דעם מזרח", האט מעקדאנאלד גע־זאגט, „און דער לאקארנא'ר אפמאך בא־ריהרט זי ניט. אויב עס וועט אויסברעכען א מלחמה וואס וועט חרוב מאכען איירא־פא, וועט זי קומען פון דעם מזרח. די אויפגאבע פון די אייראפעאישע שטאטס־לייט דארף זיין צו האלטען אפענע אויגען אויף דיזער געפאהר."

מעקדאנאלד האט אויך געזאגט, אז ער האט געהאט געשפרעכען מיט שטאטסלייט און מיט אנדערע פיהרער פון עפענטליכער מיינונג אין וויען, בודאפעסט, פראג, בערלין און ברוסעלס, ווען ער איז געווען אויף זיין טור.

אין צענטראל אייראפא, האט דער גע־וועזענער סאציאליסטישער פרעמיער גע־זאגט, איז נאך אלץ א תהו־ובהו. דער פא־ליטישער, פינאנציעלער און עקאנאמישער כאאס וואקסט דארט פון טאג צו טאג.

וואס איז עקס־לאקס?

עקס־לאקס איז איינע פון די וויכטיגסטע ערפינדונגען פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט. דאס איז א שאקאלאד־קענדי, וועלכעס רעגולירט דעם מאגען און פארנעהמט דעם פלאץ פון קאסטאר־אויל, ביטער־זאלץ, רובארב, ביטער־וואסער, לאקריץ פולווער, באצוקערטע אדער געפארבטע פילען, און נאך פילע אנ־דערע אלט־מאדישע אפפיהר־מיטלען פאר וועלכע יעדער מאן, פרוי אדער קינד פלעגען זיך אפשרעקען.

עקס־לאקס איז א שאקאלאד דורך און דורך. עס איז גע־שמאק אין מויל און ווירקט געלאסען און נאטירליך געגען אלע פארמען פון מאגען־פארשטאפונג, אהן שמערצען אדער קרעמפען.

פרובירט א באקס היינט און איבערצייגט אייך.

10, 25 און 50ס. א באקס אין אלע דראג־סטארס.

דער סטרייק פון די קוילען מיינערס

פון דזשאהן ל. לואיס

(פרעזידענט פון די „יונייטעד מיין וואירקערס אוו אמעריקא").

א רעדע געהאלטען אויף דער קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר, אין אטלאנטיק סיטי, דעם 14טען אקטאבער, 1925.

2.

האמאנד און אנדערע „פאבליק אפישעלס", צוזאמען מיט די קוילען־מאגנאטען, האבען געשאפען פאר'ן אמעריקאנער עולם א נאר'ס גן עדן און זיי וועלען באלד זיך מוזען אליין ארומזעהן.

דער גאנצער שאדען איז שוין געטאן געווארען. ווען די קוילען־מינען וועלען אנהויבען מארגען ווידער ארבייטען, כאטש עס האלט נאך גאנץ ווייט דערפון, וואלט די פראדוקציע און די פארטיילונג פון די קוילען ניט ארבייטען נארמאל בעפאר דעם קומענדען ספרינג. וואס אבער וועט זיין, ווען די קוילען־מאגנאטען וועלען פארציהען דעם סטרייק, ביז וואנען די קוילען וואס דער עולם האט אין די קעלערען וועלען אויסגעברענט ווערען? אויב זיי וועלען דערמאלט אין די קאלטע ווינטער־טעג, אנהויבען סעטלען דעם סטרייק, וועלען הונדערטע טויזענטע היימען בלייבען אהן באהייצונג און דער עולם וועט דארפען ליידען. ווארים עס וועט מוזען נעהמען צייט ביז קוילען וועט אויסגעגראבען ווערען, און ביז די אייזענבאהנען וועלען עס צופיהרען אין די פארשידענע ערטער. און ערשט דעמאלט וועט מען רייסען א פאס פון דעם פובליקום, וואס האט זיך געלאזט אפנארען, אז עס איז דא גענוג קוילען אין זאפאס.

דערווייל איז פאר די האלסייל און ריטייל הענדלער אין דער קוילען אינדוסטריע א גילדערנע צייט. זיי האבען גאנץ הויך ארויפגעיאגט דעם פרייז פון קוילען, דער עולם ווערט באריסען, און מען איז צופרידען, אבי מען קאן באקומען קוילען פאר אירגענד א פרייז וואס די הענדלער לאזען זיך באצאלען. און עס זיינען דא גענוג מענשען אין דעם לאנד וואס זיינען פארמעגליך, און וועלען צאהלען אירגענד וועלכען פרייז, אבי זיי זאלען נים ליידען פון קעלט, און אט די גליקליכע, וועלכע זיינען גרייט צו צאהלען די העכסטע פרייזען פאר די קוילען, אבי עס צו קריגען, מאכען ערגער די לאגע, זיי מאכען א סך שווערער פאר די ארימע מענשען צו באקומען א ביסעל קוילען און זיי וועלען מוזען פרירען, ווארים ווי קאנען זיי צאלען אזא הויכען פרייז פאר דעם ארטיקעל?

מען שמועסט אויך איין דעם עולם, דאס עס וועט זיין גענוג ברען און באהייצונג־מאטעריאל, ווי גאז, קאוק, אויל און ווייכע קוילען, צו פארנעהמען דעם ארט פון די הארטע קוילען. איך בין זיכער, אז אויך דאס איז ניט אמת. די אלע אויסגערעכענטע ברען מאטעריאלען האבען זייער מארקעט; זיי ווייסען וואס און וויפיל זיי קאנען פארקויפען און אזוי פיל פראדוצירען זיי. עס איז איינפאך פאר זיי אומעגליך צו פארגרעסערען די פראדוקציע אויף אזוי פיל, אז דער עולם זאל באקומען גענוג באהייצונג, אהנע הארטע קוילען.

צו באנוצען זיך מיט אויל און די אנדערע ברען־מאטעריאלען דארף מען אומבייטען די באהייצונג אפאראטען און די אייגענטימער פון די קליינע הייזער איבער'ן לאנד וועלען עס ניט קאנען באוויזען. די הייזער זייערע זיינען איינגעריכטעט פאר הארטע קוילען און איינצושטעלען אין אזא הייזקע אן אנדער אפאראט איז א צו טייערער ביסען. עס דארף קאסטען צווישען 5 און זעקס הונדערט דאלאר. מען קאן זיך לייכט פארשטעלען וואס דאס מיינט פאר די טעקסטייל ארבייטער פון ניו ענגלאנד און די אנדערע ארבייטער, וואס פארדינען קלעגליכע ווידזשעס. דאס איז וואס אנבאלאנגט צו באהייצען די הייזער מיט אויל.

ווידער, וואס אנבאלאנגט די ווייכע קוילען, איז עס פארשטענדליך פאר אלע די וואס ווייסען עפעס וועגען דעם, אז די ווייכע קוילען קענען בשום אופן ניט פארנעהמען דעם ארט פון די הארטע קוילען. די אויוועגס וואס זיינען געמאכט פאר'ן געברויך פון הארטע קוילען זיינען נישט גוט פאר ווייכע קוילען. עס איז איינפאך ניט געזונט מיט דעם זיך צו באנוצען. די קוימענס פון די מעהרסטע הייזער אין די גרויסע שטעט זיינען געבויט פאר'ן געברויך פון הארטע קוילען און יעדער פארזוך צו ברענען אין יענע קוימענס ווייכע קוילען, ברייננט מיט זיך די געפאר, אז גאנצע פאמיליען זאלען פארטשאדעט ווערען פון דעם גאז, וואס די דאזיגע קוילען גיבען ארויס.

דאך אבער, מר. דזשאהן הייס האמאנד שרייט אויס צום עולם: „ברענט ווייכע קוילען".

דער גרויסער עולם איז געוויס בארעכטיגט צו באקומען באהייצונג פאר א מעסיגען פרייז, און עס איז צו שטוינען, ווען מען זעהט ווי דער עולם איז גלייכגילטיג, ווען ער ווערט באריסען און באשווינדעלט פון די קויהלען הענדלער אין צייט פון דעם כטרייק אין דער אינדוסטריע.

דער עולם איז בארוהיגט און איינגעשלעפערט געווארען פון די פארזיכערונגען און די עדיטאריעלס פון די צייטונגען אין די גרויסע שטעדט, כאטש די עדיטאריעל שרייבער האבען דאס רוב ניט קיין באגריף פון די פראבלעמען, איבער וועלכע זיי שרייבען. צו זיי ווייסען עפעס דערפון צו ניט, אבער זיי גיבען זייערע „קלוגע" עצות צום פאלק אין דער צייט פון דעם סטרייק. זייער צוועק איז ניט צו באשיצען דעם עולם, עס איז גיכער צו באשאפען אזא מין עפענטליכע מיינונג, וואס זאל פיהרען צו דעם, אז דער סטרייק פון די הארטע קוילען מיינערס זאל פארלוירען געהן. כדי צו דערגרייכען אט דעם צוועק, האבען זיך אלע פאראייניגט, דער „טשיימבער אוו קאמערס", די מאנופעקטשורערס אסס'נס, די „סיוויק קלאבס" און די מענעדזשמענטס פון אונזערע גרויס שטעדטישע צייטונגען, — אלע האבען זיך פאראייניגט צו מאכען גלויבען דעם אמעריקאנער פאלק, אז דער קוילען סטרייק איז פאר קיינעם ניט געפעהרליך, אז דער עולם מעג זיך זיין גאנץ רוהיג און דארף זיך גאר ניט זארגען וועגען דעם סטרייק. מען האט איינגעשמועסט דעם עולם, אז דאס נעהמט איהם גאר ניט אן און עס דארף איהם גאר ניט ארען.

איך זאג דאריבער צום אמעריקאנער פאלק, ער זאל וואס גיכער ערוואכען און באגרייפען די ריכטיגע לאגע. די הארטע קוילען ווערען געברויכט אין איבער 60 טויזענט שטעדט וואס געפינען זיך אויף די ברעגעס פון דעם אטלאנטישען ים, און עס איז פשוט א פיזישע אונמעגליכקייט פאר די רייל־ראודס צוצושטעלען ווייכע קוילען אין די אלע שטעדט, ווען אפילו די ווייכע קוילען וואלטען געווען צום ברענען, און עס זאל ניט זיין קיין געפאר עס צו געברויכען. זאל דער ברייטער עולם ערוואכען פון זיין גלייכגילטיגקייט וואס גיכער און זעהן, אז דער גערעכטער סטרייק פון די גרעבער פון די הארטע קוילען זאל וואס גיכער געסעטלט ווערען. וואס גיכער דאס וועט געשעהן, אלץ בעסער וועט עס זיין פאר'ן אמעריקאנער פאלק.

מיר האבען אפגעדרוקט א פאמפלעט מיט אינטערעסאנטע ציפערען, וועגען די פראפיטען פון די קוילען־מאגנאטען. דארט ווערט אנגעוויזען אויף די גאנץ גרויסע פראפיטען וואס עס ווערט ארויסגעשלעפט פון דער קוילען־אינדוסטריע. עס ווייזט דעם גרויסען אונטערשיד צווישען די 4 דאלאר מיט 26 סענט וואס קאסט אויסצוגראבען א טאן הארטע קוילען, און די 14, 15 און 16 דאלאר א טאן קוילען וואס דער פובליקום צאהלט געוויינליך.

עס איז ניטא קיין גרונט צו דענקען, אז די קוילען מאגנאטען קאנען ניט היינט צו טאג העכערען די ווידזשעס פון די ארבייטער, צו פארבעסערען די ארבייטס באדינגונגען און אויסגעבען א ביסעל געלט צו מאכען זיכערער די מינען, נעהמענדיג אין אנבאטראכט די פרייזען וואס זיי באקומען פאר די קוילען.

די קוילען מאגנאטען שלעפען ארויס פון פובליקום א סומע וואס באטרעפט צווישען 16 און 20 מיליאן דאלאר א יאהר, פאר וועלכע זיי האבען ניט קיין בארעכטיגונג. מיט שמוציגע הענד קומען זיי פארלאנגען סימפאטיע פון פובליקום. אין מאנאט אפריל פון דעם יאהר האבען זיי געמאכט א „דיל" מיט די ריטייל קוילען הענדלער, דאס אין קוילען וואס ווערען געברויכט אין פריוואט היימען, וואס זיינען פון א גרעסערען סייז און קאסטען טייערער, זאל מען ארייננמישען די קלענערע סייז קוילען, וואס קאסטען בילינגער. און אזוי נאך פארקויפען זיי צום פובליקום די ביליגערע קוילען פאר א העכערען פרייז, נארענדיג דאס פובליקום. די ריטיילערס האבען מורא געהאט צו פראטעסטירען געגען דעם „דיעל", ווארים מען וואלט זיי גאר ניט געגעבען קיין קוילען און זיי מאכען פאר אויס הענדלער. און אט פון דעם אליין וואס זיי מישען אריין די קלייגע, ביליגע קוילען אין די אנדערע און פארקויפען עס פאר דעם פרייז פון די גוטע קוילען, וועלען די קוילען מאגנאטען מאכען צווישען 16 און 20 מיליאן דאלאר א יאהר, אויף דעם געוועהנליכען פראפיט וואס זיי האבען פריהער געמאכט, איידער זיי האבען געבלאפט דעם עולם אויף דעם אופן ווי זיי טוען עס איצט, ווען מען צאהלט גרויסע פרייזען און מען באקומט קליינע קוילען פון א נידעריגען ווערט.

אבער דאס איז נאך ניט אלץ וואס זיי טוהען אפצונארען דעם עולם. זיי האבען אויסגעפונען נאך אנדערע אזוינע „סקימס" ארייצושפארען דעם עולם א ביליגערען סארט קוילען פאר א העכערען פרייז. אנגעפאנגען האבען זיי עס גלייך נאך דעם ווי עס האט אויסגעבראכען דער קוילען־סטרייק אין יאהר 1923. אנגעפאנגען האבען זיי עס, כלומרשט אין נאמען פון „עמוירדזשענסי". זיי האבען אנגעפאנגען ארויסצופטור'ען די בערג מיסט־קוילען וואס איז געלעגען אין די קוילען־יארדס פאר יאהרען. זיי האבען אנגעפאנגען צונויפמישען די מיסט־קוילען מיט די גוטע קוילען און פארקויפען עם פאר גוטע, און ווען זיי האבען געזעהן, אז דאס געהט, אז דער עולם קויפט עס און לאזט זיך נארען, האלטען זיי עס אן אויף ווייטער. זיי מאכען פון דעם מיליאנען דאלארס א יאהר, א חוץ די פראפיטען, וואס זיי האבען פריהער געמאכט איידער זיי האבען פארקויפט מיסט פאר קוילען.

דורך דעם „סקים" האבען זיי אויך איינגעארדערט די גראדען פון די קוילען. „פיע קוילען" ווערען פארקויפט פאר „טשעסנאט", ווערענד „פיע־קוילען" איז מיט דריי און פיער דאלאר ביליגער פער טאן. און דאס זעלבע איז אויך אין באצוג „באקוויט־קוילען". א דריטעל פון די „באקוויט־קוילען" ווערט פארקויפט אלס „פיע־קוילען" און אויך דא מאכען זיי דריי דאלאר עקסטרא פראפיט אויף א טאן פון די קוילען. אין די לעצטע פאר יאהר האבען זיי פארקויפט 268,000 טאן „באקוויט־קוילען" פאר „פיע קוילען" און געמאכט דערביי מיליאנען דאלארס.

דאס זעלבינע איז אויך אין באצוג די „סטאוו־קוילען". זיי האבען געענדערט דעם סייז פון די קוילען אויף 7 פראצענט און אריינגעמישט אין דעם „טשעסנאט קוילען" און אזוי נאך ווערט פארקויפט, יעהרליך, אריבער א מיליאן טאן „טשעסנאט קוילען" פאר „סטאוו־

(שלוס אויף זייט 11)

קעניגרייכען

פון נפתלי גראס.

דער ווייסער וואלקען איבער דער הויך פון בארג
ליגט אויסגעגאסען ווי א טייך.
און איבער דעם טייך שווימען שיפען ווי בערג,
זיי געהען אין אן אנדער רייך.

מיר זיצען ביים ברעג. איבער אונז איז די נאכט.
א שיף קומט אויף אויף דעם טייך.
מיר שטייגען ארויף און מיר פאהרען. —
די שטאט און די נאכט
פארשווינדען אין אן אנדער רייך.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' ...
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. SCHOOLMAN, Business Ma...

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. VII. No. 45. — New York, Friday, September ...

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New Yo... under the act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 11... October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

קאנווענשאן-פראגען

.2

...ז ניט און עס קען ניט זיין ...ויפגאבע זיך צו פארנעמען ...צעלהייטען ווענען אלין, וואס ...ישאפט פון דער יוניאן האט ... אדער האט געשטרעבט ... פאר די פארבעסערונג פון ... פון דער גרויסער מעמבער-...י שעפער. דאס וועט זיין די ... פון דעם רעפארט פון דעם ... צו דער קאנווענשאן. מיר ... נאר אנצודיהרען די הויפט-... פון דעם, וואס די פיהרער-...אט טיילווייז שוין אויסגע-... וואס עס בלייבט נאך אויפ-...

☘

...קאנט, איז אין 1919 איינ-... געווארען די סיסטעם פון ...יט אנשטאט שטיק-ארבייט. ... דאזיגער ענדערונג האט מען ... אז די קלאוק - אינדוסטריע ...הר סטאביליזירט ווערען, עס ... איהר אריינגעבראכט ווערען ...דנונג, און דאס וועט שוין ...ווזען פיהרען דערצו, אז די ... דעם בעל-מלאכה זאל באדיי-...ארבעסערם און אויך מעהר ...ט ווערען. די דאזיגע האפ-... ניט אין גאנצען ערפילט גע-...פאר א געוויסע צייט האט עס ...ן, אז די איינפיהרונג פון ...ייט איז פון גרויסען נוצען ...קלאוקמאכער, אבער באלד האט ... הויבען א גאנץ כראנישע אר-...ינקייט און די אונצופרידענ-...ישען די מעמבערס איז אלץ ... מעהר געוואקסען. די פיה-... איז געווארען ניט פארבליבען ...ג צו דער אלגעמיינער אומ-...הייט, ווייל זי האט געוואוסט, ...אנע פון די ארבייטער איז ... א גאנץ שלעכטע, און זי האט ...ן זוכען און פארשען דעם ... גרונד פון דעם, וואס די לאגע ... ארבייטער אין קלאוק-טרייד ...ן ערגער און ערגער. נאטיר-... זי פאר א מאמענט ניט ...לט אין דער וויכטיגקייט און ... פון וואך-ארבייט אנשטאט ...ייט. אבער זי האט געמוזט ... אז די וואך-ארבייט אליין ... געבראכט מיט זיך די גע-...רעזולטאטען.

☘

...נאך א לאנגען גרינדליכען ... האט זי געפונען דעם ריכ-...אל פון אלע צרות אין דער ...דוסטריע, און דאס איז די ...סיסטעם, ווי זי האט זיך ...ט אין די לעצטע פאר יאהר. ... איינעם פון זיינע פערטעל-... מיטינגען האט דער ג. ע. ב. ... אינטערנעשאנאל אויסגעאר-... גאנץ ראדיקאלע פראגראם, ...ען דורכגעפיהרט, וואלט גע-...סוף צו די איבלען, וואס הער-...ן, און דורך וועלכע די גרויסע ...כטע אונצופרידענהייט פון ...מבערשיפ וואלט באדייטענד ... געווארען.

☘

...כטיגקייט און די נויטיגקייט ... פראגראם איז אלזייטיג דיס-...געווארען אויף פילע מעמבער-... פון דעם פרעזידענט און אנ-...גלידער פון דעם ג. ע. ב.; ... גאנץ קלאר באשפראכען גע-... אנזערע וועכענטליכע אויס-...ן עס האט אויסגעזעהן, אז ... מעמבערשיפ איז באמת באר-... פאר דעם אויסגעארבייטען ... און פאר זיין דורכפיהרונג, ...נויטיג, איז זי באריים אויף ... פאר דעם.

☘

...די דזשאבערס און די מאנו-...ס האבען אין זייערע פאר-... מיט דער יוניאן ארויסגע-...גרויסען ווידערשטאנד געגען ...ן יוניאן-פראגראם. זיי האב-...ערט דורך דער פרעסע, דאס ... קיינמאל ניט צושטימען צו ...עלבען. בונקט אין דעם פראָ-

גראם, און עס האט ניט ווייט געהאל-טען, אז עס זאל ארויסגערופען ווערען א דזשענעראל-סטרייק אין דער גאנ-צער קלאוק-אינדוסטריע אין ניו יארק. די מעמבערשיפ האט דורך א רעפע-רענדום-וואוט געגעבען איהר צושטימונג דערצו, און די פיהרערשאפט האט שוין אנגעהויבען מאכען אלע נויטיגע פאר-ברייטונגען דערצו. אין פאקט, עס האט שוין געהאלטען ערב סטרייק. דאן אבער האט זיך אריינגעמישט גאווער-נאר סמיטה, האט פאררופען אלע צדדים, זיי אלעמען אויסגעהערט, און האט, ווי באקאנט, באשטימט די גאווערנאר-קא-מיסיע, וועמעס אויפגאבע איז באשטא-נען אויסצוהערען די טענות פון ביידע צדדים, און דאן ארויסגעבען איהרע רעקאמענדאציעס, וועלכע די פארשיי-דענע צדדים זיינען ניט געווען פאר-פליכטעט אנצונעמען, ווען דורכאוים ניט איינפארשטאנען מיט זיי.

☘

די פיהרערשאפט פון דער יוניאן האט דעם פארשלאג פון גאווערנאר סמיטה אנגענומען צוליב פאלגענדע אור-זאכען: די ערשטע איז, דאס די אינ-טערנעשאנאל האט ביז איצט קיינמאל זיך ניט אפגעזאגט פון פארמיטלער-שאפט, ווען זי איז איהר פארגעשלאגען געווארען, און האט קיינמאל ניט גע-האט קיין גרונד חרטה צו האבען אויף די שוין פון לאנג אנגענומענע פאליסי. די צווייטע אורזאכע איז געווען, דאס, אויב זי מוז שוין איינגעהן אויף דעם פארשלאג פון פארמיטלערשאפט, איז פיל גלייכער דאס אנצונעמען איידער א דזשענעראל-סטרייק וואלט ארויסגע-רופען, ווי נאכדעם, ווען דער סטרייק ווערט שוין ארויסגערופען, און האלט זיך פילע וואכען, און די יוניאן-כחות זיינען אזוי ערשעפט, אז זי איז געצוואונ-גען אנצונעמען אירגענד וועלכע פאר-מיטלערשאפט. די דריטע אורזאכע איז געווען, דאס די יוניאן האט באטראכט, דאס איהר נייע פראגראם, כאטש זעהר קלאר פאר דער מעמבערשיפ, איז אבער ניט גאנץ קלאר פאר דעם אלגעמיינעם עולם, וועמעס סימפאטיען אדער אנטי-פאטיען זיינען א שטארקער פאקטאר אין יעדען ארבייטער-קאמף, און זי האט געפונען, דאס דער פארהער פאר דער גאווערנאר-קאמיסיע וועט ציהען די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט אויף די פאדערונגען פון דער יוניאן און אויף איהרע קריוודעס געגען די דזשאבערס, און אזוי ארום געווינען די עפענטליכע מיינונג אויף איהר זייט. די פערטע אורזאכע איז געווען, דאס, איידער עס האט געזאלט ארויסגערופען ווערען דער דזשענעראל-סטרייק האט די „פראטעק-טיוו אסס'ן" באשלאסען אויפצוגעבען איהר אינדוסטריעלען דעפארטמענט, אזוי, אז אין דעם סטרייק וואלט די יוניאן געמוזט פיהרען א גארילא-קריג, וואס דאס איז א גאנץ אנדער זאך, ווי פיהרען - א סטרייק געגען די גאנצע אסס'ן, און דאן אויך סעטלען מיט דער גאנצער אסס'ן.

☘

עס מוז אויך געזאגט ווערען, דאס די פיהרערשאפט, שוין נאכדעם ווי דער רעפערענדום-וואוט איז אפגעגעבען געווארען צו גונסטען פון א דזשענע-ראל-סטרייק, האט נאך א גרינדליכע אויספארשונג אויסגעפונען, אז די אל-געמיינע מעמבערשיפ איז ווייט ניט אזוי באגייסטערט פאר א סטרייק, אויב די הויפט-פאדערונגען קענען אויסגע-פיהרט ווערען אויף א פרידליכען אופן. און אט צוליב די אלע אנגעגעבענע גרינדע האט די פיהרערשאפט אנגענו-מען דעם פארשלאג פון גאווערנאר סמיטה, און טאקע באלד איז די גא-ווערנאר-קאמיסיע צוגעטראטען צו דער ארבייט.

☘

עס איז איצט ניט די צייט צו באטראכטען די רעקאמענדאציעס פון דער גאווערנאר-קאמיסיע אין זייערע איינצעלהייטען. גענוג וועט זיין צו זאגען, אז, כאטש איינינע יוניאן-פאדע-רונגען האט די גאווערנאר-קאמיסיע מאדיפיצירט, און איין פאדערונג אינ-גאנצען צוריקגעוויזען, ווייל די צייט פאר דעם איז נאך ניט געקומען — מיר האבען אין זינען די פאדערונג פון א 40-שטונדיגער ארבייטס-וואך — האט זי אבער א היבשען טייל פון דעם פראָ-גראם פון דער יוניאן אנגענומען אין איהר באשלוס, און פאר די איבעריגע טיילען האט זי פארלאנגט א מעהר גרינדליכע אונטערזוכונג. אין אלגע-מיין האט די גאווערנאר-קאמיסיע אין איהר רעקאמענדאציע ארויסגעוויזען זיך צו זיין פול און גאנץ איינפארשטאנען מיט דעם אנאליז פון די צושטענדע אין דער קלאוק-אינדוסטריע, ווי די יוני-יאן האט זיי געשילדערט, און מיט איה-רע פאדערונגען פאר אן ענדערונג פון דיזע צושטענדע.

☘

דער געווינס פאר דער יוניאן דורך די רעקאמענדאציע פון דער קאמיסיע איז געווען אי א מאטעריעלער און אי א מאראלישער. די גאווערנאר-קאמיסיע האט איינגעשטימט, אז די צרה אין אונזער קלאוק-אינדוסטריע איז דאס, וואס עס זיינען דא דריי מאל אזוי פיל שעפער, וויפיל עס איז נויטיג און גע-זונט פאר די אינדוסטריע, און דאס פאלגליך איז די יוניאן גערעכט מיט איהר פארלאנג, אז קיין יוניאן-שאפ טאר ניט האבען ווענינער, ווי 14 מא-שינען, און מיט דער פראפארציאנעלער צאהל אנדערע ארבייטער. זי האט זיך ערקלערט פאלקאם איינפארשטאנען, אז עס מוז געמאכט ווערען א סוף צו דער האלז - שניידענדער קאנקורענץ, און פאלגליך איז די פאדערונג פון באגרענ-צען די צאהל סאב-מאנופעקטשורערס, ווי אויך א גאראנטירטע צאהל ארבייטס וואכען, ווי די יוניאן האט זיי גע-שטעלט, א פול-בארעכטיגטע, אבער צו-ליב מאנגעל אין באשטימטע פאקטען, פארלאנגט די קאמיסיע א ווייטערע אונטערזוכונג. דערווייל האט זי שוין באווילגט די יוניאן-פאדערונגען פאר אן אנעמפלאימענט אינשורענס פאנד, פאר א לייבעל און נאך איינינע מינ-דערוויכטיגע פאדערונגען.

☘

און דאן האט געפאנט דער סטאפעדרוש, וועלכער, זאל דא קלאר געזאגט ווערען, איז ווייט, ווייט ניט געווען קיין ערפאלג. ער האט זיכער ניט געבראכט מיט זיך דעם ערווארטעטען רעזולטאט פון דער פאר-קלענערונג פון דער צאהל קלאוק-שע-פער, צוליב וואס ער איז אייגענטליך ארויסגערופען געווארען. עס איז ניט אויסגעפיהרט געווארען דער וואונש, אז קיין יוניאן-שאפ זאל ניט טארען בא-שעפטיגען ווענינער ווי 14 מאשינען. ווער איז געווען שולדיג אין דעם? איז עס געווען די אלגעמיינע מעמבערשיפ, וועלכע האט דורך איהר פאסיווען, אקטיווען ווידערשטאנד געמאכט אונ-מעגליך, אז דער סטאפעדרוש זאל ברענ-גען מיט זיך דעם געווינשטען רעזול-טאט? אדער איז עס געווען די גאנץ אינגעראטענע פיהרונג פון דעם סטאפ-פעדרוש, און באזונדערס דאס גאנץ זאנ-דערבארע פארהאלטען זיך פון א גע-וויסען טייל פון דער פיהרערשאפט צו דעם סטאפעדרוש? אדער, אפשר, האט דער סטאפעדרוש אין גאנצען ניט בא-דארפט ארויסגערופען ווערען, און די רעארגאניזיישאן פון די שעפער האט געקאנט אויסגעפיהרט ווערען אויף אן אנדער אופן? ווענען דעם קענען זיין און עס זיינען דא פארשיידענע מיינונ-גען. און די קאנווענשאן, נאכדעם ווי זי וועט זיך באקענען גרינדליך מיט די פאקטען פון דעם רעפארט פון דעם ג. ע. ב., וועט געוויס קענען פאסען א גאנץ באשטימטע מיינונג. איין זאך איז אבער זיכער, אז די כונה פון דער יוניאן-פיהרערשאפט איז געווען די בעס-טע. אבער ניט אלע מאל לאזט זיך אויספיהרען אלעס, וואס עס איז אזוי גוט און ווינשענסווערט.

☘

עס פארשטעהט זיך פון זעלבסט, דאס ווען דער סטאפעדרוש וואלט גע-קרוינט געווארען מיט ערפאלג, וואלט קיינעם נארניט איינגעפאלען צו טראכ-טען וועגען דער גרויסער סומע געלט, וואס ער האט אפגעקאסט. „עס איז ווערט געווען דאס געלט, וואס דער סטאפעדרוש האט געקאסט", וואלט גע-ווען די אלגעמיינע מיינונג. אבער אזוי ווי דער סטאפעדרוש האט זיך ניט איינ-געגעבען, איז עס נאטירליך, אז מענ-שען, וואס זיינען ניט קיין גרויסע פריינד פון דער יוניאן, זאלען אויפ-הויבען א געפילדער וועגען די גרויסע קאסטען פון דעם סטאפעדרוש. מיר, פון אונזער זייט, זיינען ניט באריים צו זאגען, צו די קאסטען זיינען געווען לעגיטימע, בארעכטיגטע, צו ניט. מא-כען אבער גוואלדען איידער מען ווייס עפעס באשטימטעס, איז זיכער סקאנ-דאליעז. אזוי קענען נאר האנדלען די ביטערסטע שונאים פון דער יוניאן. מיר זיינען זיכער, דאס דער רעפארט פון דעם ג. ע. ב. וועט ווארפען א שטארקע ליכט אויך אויף די זייט פון דעם סטאפעדרוש. עס וועט ניט גע-שלעפט ווערען קיינער, וואס פאר-דינט עס ניט, און אזוי אויך אין דער פראגע וועט די קאנווענשאן קענען פאסען איהר באשטימטע מיינונג און ארויס-טראגען איהר באשטימטען באשלוס.

☘

דער באשלוס פון דער גאווערנאר-קאמיסיע פאר די באלדיגע איינפיהרונג פון דעם סאניטארי לייבעל, ווי אויך פאר דעם אנעמפלאימענט אינשורענס-פאנד האט געמוזט אויך אויסגעפיהרט ווערען אין אנדערע קלאוק-צענטערס, אויסער ניו יארק, ווי אין באלטימאר, באסטאן, שיקאגא און אנדערע שטעדט. צוליב דעם זיינען סטרייקס ארויסגע-רופען געווארען אין פארשיידענע שטעדט. די מעהרסטע פון די סטרייקס האבען אבער נאר פאר א מאמענט גע-שיינט צו זיין זיגרייך; אין א קורצער צייט ארום איז אלעס ווידער געבליבען ביים אלטען. און עס שיינט אונז, אז די איצטיגע קאנווענשאן דארף אביסעל מעהר גרינדליך, ווי ביז איצט, בא-שעפטיגען זיך מיט דער לאגע פון אונ-זערע יוניאנס אין די שטעדט אויסער ניו יארק. עס איז א פאקט, דאס די מעהרסטע יוניאנס אין די שטעדט זיי-נען נאך אלץ זעהר אונבאהאלפען, זיי מוזען נאך אלץ אין אלע הינזיכטען אנ-קומען צו ניו יארק. דאס איז א זעהר ניט געזונטע לאגע. עס מוז ווירקליך גוט אויסגעפארשט ווערען די אורזאכע, ווארום אונזערע יוניאנס אין די פאר-שיידענע שטעדט זיינען אזוי שוואך, און מאנכעס מאל מוז מען זיך פרעגען, אויב עס לוינט זיך איבערהויפט אפ-צוגעבען אזוי פיל כח און צייט פאר זיי?

☘

די דאזיגע יוניאנס זיינען קיינמאל ניט געווען באזונדערס שטארק. אין דער לעצטער צייט ווערט עס אבער אלץ ערגער און ערגער. און עס מוז אויס-געפארשט ווערען גרינדליך די אורזאכע פון דעם. מיר דענקען, אז די קאנ-ווענשאן דארף זיך שטארק פארנעמען מיט דער פראגע, און קומען צו א בא-שטימטען באשלוס. די אינטערנעשא-נאל האט נאר א גרויסען טייל פון איהר איינקונפט אויסגעגעבען אויף די ארגאניזאציאנס-ארבייט אויסער ניו יארק. און כאטש מען קען ניט זאגען, אז די ארבייט איז געווען אין גאנצען אומזיסט, ווייל נאר פילע, פילע אר-בייטער זיינען ארגאניזירט געווארען אין פארשיידענע שטעדט און שטעדט-לאך, אבער דאך קען מען ניט זאגען, אז דער ערפאלג איז געווען אין איי-קלאנג מיט די געוואלדיגע אנשטרענ-גונגען פון דער זייט פון דער אינטער-נעשאנאל. און עס שטעלט זיך, ניט ווילענדיג, די פראגע: פאר וואס? פי-לייכט מוזען אנגעווענדעט ווערען אנ-דערע מעטאדען פון ארגאניזאציע און אגיטאציע? אויף די פריהעריגע קאנ-ווענשאנס איז די דאזיגע פראגע דיס-קוטירט געווארען, און מען האט גע-פאסט א געוויסען באשלוס, לויט וועל-כען די פיהרערשאפט פון דער יוניאן האט געהאנדעלט. אבער עס שיינט אונז, אז די דאזיגע פראגע דארף ווי-דער אמאל אויפגעהויבען ווערען. די פארהעלטניסמעסיגע רעזולטאטלאזיג-קייט פון דער בידאיצטיגער טעטיגקייט אין דיזער הינזיכט צווינגט דערצו.

☘

און, אז מיר האלטען שוין ביי דער פראגע פון ארגאניזאציאן און אגיטא-ציאן, מוזען מיר זאגען, אז די דאזיגע טעטיגקייט, וואס איז און מוז זיין די שטענדיגע ארבייט פון דער אינטערנע-שאנאל, איז אויך אין ניו יארק גופא ניט געקרוינט געווארען מיט קיין בא-זונדערען ערפאלג. עס איז געגרינדעט געווארען אין ניו יארק א צענטראלע קערפערשאפט פון די פארשיידענע טריידס, וואס שטעהען אין נאהענטער שייכות מיט דער קלאוק- און דרעס-אינדוסטריען, עס איז געמאכט געווארען א גאר גרויסע ארגאניזאציאנס-ארבייט, אבער עס מוז צוגעגעבען ווערען, אז די רעזולטאטען פון דער ארבייט זיינען גאנץ - אונבאדייטענד. נאטירליך וואלט אנגעוויזען אויף די פארשיידענע אום-שטענדען, וואס האבען געשטערט אין דער ארבייט; און דאס איז טאקע גאנץ אמת. אבער, פון דער אנדערער זייט, זיינען דאך אימער דא און עס וועלען אימער זיין - אזעלכע שטערונגען. עס איז נויטיג, אז די ארבייט פון ארגא-ניזאציאן און אגיטאציאן זאל זיך קע-נען צופאסען צו די עקזיסטירענדע אומ-שטענדען, און זיי בייקומען. אפשר איז איצט נויטיג א נייער אופן פון ארגאניזאציע און אגיטאציע, און מען קען מעהר ניט אנגעהן אויף דעם אל-טען שטייגער?

☘

די קאנווענשאן וועט עס מוזען ניט באטראכטען, און עס וואלט געווען זעהר וויכטיג, אז אין די פאר וואכען, וואס בלייבען נאך ביז צו דער קאנווענשאן

שמועסען

...עם רעדאקטאר ...י לעזער ::

...מאסקאוויטש רע־ ... — מיט פארגעניגען ...רי מאסקאוויטש קומט ...בה, געזונד און גאנץ. ...ין קומט איהם א ברוך ... איינעם, וואס וואנט. ... אויסער דעם איז ער ...הרען נאך רוסלאנד צו־ ...מצוה. און, מיר זיינען ...סיעה אין דער זאך פון ...גען גוטע רעזולטאטען ...ן רוסלאנד. ווען מענ־ ...עווים זיין צו דעם רע־ ...יטאג, און אפגעבען ...וואס איהם קומט. אגב ...ן דא האבען גאנץ נוי־ ... „פרנסה'ניס"־לייבעל, ... ווערען אינפארמירט, ...פארמאציע איז א ריכ־ ...ך פארנאכלעסיגט גע־ ...טע עטליכע וואכען.

...אן, לאקאל 35. — ... ווידלעריי געגען א יו־ ...פילו ווען ער איז א גע־ ...פילו געגען אירגענד א ...ען און וועט אין דער ... ניט פארעפענטליכט ... יוניאן־באאמטער האט ...לה, ווייסט איהר זיכער, ...איהם אנקלאגען. דער־ ...ענס־קאמיטע אין אייער ... מירן פארשטעהען פון ... איהר גערופען ווערען ...קאמיטע, טו וואס טוי־ ...רייען, וועלכע ערנידע־ ... ווי דעם געוועזענעם ... איהר מאכט אויך גע־ ...ן באשולדיגונגען. עס ...ירדיג, דאס די ברענגט ... ווען ער האט אייך אנ־ ...לען, ווי א ניט־יוניאן־ ... זיך די פראגע, ווארום ...ים געטאן אזוי שנעל, ...יך דערוואוסט וועגען ... געווען אייער פליכט, ... אבער עס שיינט, דאס ...יך פערזענליך האט עס ... האט איהר געכאפט א ... און דאס רעקאמענ־ ... שלעכט אין אונזערע ... האפען, אז איהר וועט, ...פער ,ניט מיטשרייען ...ליכע נפשות, דאס מיר ...עלען ניט פאלען; אויף ... דאס איז לחלוטין ...ען א יוניאן־באאמטער ... אין עטוואס ערנסטעס, ...א, ווי מיר האבען דאס ...יינע פעלע, ארויסצוקו־ ... מיט אונזער גאנצער ...ער, איידער זיין שולד ...ז ער געשאנעוועט ווע־ ...ליב זיך (כאטש דאס ...וויכטיג: קיין מענש,

---

... און די קאמוניסטישע ...ער רוסישער רעגירונג. ... מעגליך, אז אט צוליב ...אלוציע אין פערסיען, ...נגעפאנגען אזוי שטיל ... פארוואנדלען אין א ...ארניע.

...מענהע קעלטען פיהלט ...אין קוילען אליין שטאר־ ...עער. אמת, אונזערע ... האבען געטאן אלעס, ...ל ניט דארפען ליידען ...יארק ווערט איצט ביז ...ייל באהייצט מיט די ...יז אבער די צרה די, ...יכע־קוילען קען איבער ...ען, און מאכע מעהר ... אבער דאס איז די ...בי ניו יארק איז בא־

...ון זיינע סטייטמענטס, ...ואים, פון דער יוניטער ...יניאן ערקלערט, אז די ...נאמען, וואס האבען די ...מינען, וואו די יוניאן ... אויך די אייגענטימער ...לען. און דערפאר איז ... ניט, וואס די קוילען־ ... אין דעם עולם צו גע־ ... קוילען. גאנץ ריכטיג. ...ער וואונדער. אבער עס ...ער, וואס דער פרעזי־ ...נערס יוניאן זעהט ניט, ...בייטער פון דער יוניאן ...טען טייל ארבייטער צו ...עמט...

ווער ער זאל ניט זיין, זאל ניט פארדאמט ווערען, איידער זיין שולד איז באוויזען און קלאר), ווי צוליב דער יוניאן, וועלכע ער רעפרעזענטירט. די יוניאן־מעמבערס, וואס ווינשען, אז זייער יוניאן זאל קע־נען אויפטאן פאר זיי דאס, וואס זיי ער־ווארטען פון איהר, מוזען איינזעהן, אז זיי זיינען שולדיג די פארשטעהער פון דער יוניאן דעם גרעסטען רעספעקט. ווען זיי אליין זידלען זייערע באאמטע, מיט די ערגסטע שימפ־ווערטער, טו וואס קע־נען שוין אזעלכע באאמטע אויספיהרען, ווען זיי קומט אויס צו פארטיידיגען די ארבייטער־רעכטע געגען די באסעס? די לעצטע מחומה אין דער קלאוקמאכער־יוניאן האט אין דער הינזיכט געבראכט דעם גרעסטען שאדען. עס וועט נעהמען א לאנגע צייט, ביז די ארבייטער וועלען ווידער קומען צו דעם איינזעהן, אז, מא־כענדיג צו אש און בלאטע זייערע פיה־רער, טוען זיי זיך אליין אן דעם גרעסטען שאדען. און כדי די דאזיגע צייט פון קו־מען צו זיך זאל וואס ווייניגער דויערען, איז עס נויטיג, אז די ארבייטער זאלען אנהויבען באציהען פראקטיצירען אנ־שטענדיגקייט און א פארזיכטיגען טאן בנוגע צו זייערע פיהרער.

ב. גראס. — איהר האט געמוזט שלאפען די גאנצע צייט. ווען ניט, וואלט איר ביי אונז ניט געפרעגט, „ווארום ווערט אפגעהאלטען די קאנווענשאן מיט 5 מאנאטען פריהער, פאר דער באשטימ־טער, געוועהנליכער צייט?" זאלען מיר איצט פאר אייך איבערדערצעהלען אלעס, וואס איז פארגעקומען? ניין. איהר קענט אבער איבערלייענען די „גערעכטיג־קייט" פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען און איהר וועט געפינען די סאמע גענוי־סטע ערקלערונג פאר דעם. אייער בא־מערקונג, דאס ווייבאלד דער „פרידען" איז געשלאסען געווארען, האט מען דאך גע־קאנט אנגעהן ביז מאי, קומט אויך פון דעם, וואס איהר לייענט אייער צייטונג זעהר אויבערפלעכליך, אויב איהר לייענט איהר איבערהויפט. דער פרידען, ווי עס איז ערקלערט געווארען, איז ניט געווען דער רעזולטאט פון דער אנערקענונג פון דער יוניאן־פיהרערשאפט, אז איהר קאמף געגען דעם קאמוניסטישען עלעמענט איז געווען אן אומגערעכטער. ניין, די יוניאן־פיהרערשאפט איז איצט, ווי פריהער, פון דערזעלבער מיינונג, אז ווי באלד די קא־מוניסטען אין דער יוניאן האנדלען בלויז אלס אגענטען, אלס מיסיאנערען פון דער קאמוניסטישער פארטיי, און טארען אליין אויף זייער אייגענעם שכל און אויף זייער אייגענעם וויסען גאר ניט שטעלען, זיי־נען זיי פאר דער יוניאן די גרעסטע גע־פאהר. די יוניאן הערט דאן אויף צו פיהרען איהר אייגענעם זעלבסטשטענדי־גען לעבען; זי ווערט דער „ווידעל" פון א פאליטישער פארטיי. אבער די יו־ניאן־פיהרערשאפט האט איינגעזעהן, אז אין דעם קריג, וואס איז אויפגעבלאזען געווארען פון אלערליי דעמאגאגען, קען די יוניאן גענצליך צו־גרונד געהן, האט זי דארום באשלאסען צו מאכען פרידען, ד. ה. נאכגעבען אלץ, און דאן וואס גיכער איינבארופען די קאנווענשאן, וועלכע דארף ערשט אפגעבען איהר ענטשיידענ־דען אורטייל איבער אלץ, וואס איז אויפ־געבלאזען געווארען אין אישום אין די לעצטע עטליכע מאנאטען.

ל. ג—ג. — אייער אנפראגע איז פאר אונז א שטיקעל איבערראשונג. ווי קומט עס, אז א לעזער פון דער „גערעכ־טיגקייט" זאל זיך נאכפרעגען אויף א געוויסען שרייבער, און פארלאנגען צו וויסען, ווארום ער שרייבט ניט אין דער לעצטער צייט? עס איז גארניט מעשה קלאוקמאכער... אבער, אז שוין יא אזוי, וועלען מיר אייך לאזען וויסען, אז ל. מ. אין זיין לעצטען בריף צו אונז האט אונז געשריבען, אז ער קלייבט זיך צו פאהרען נאך פאלעסטינא, וואוהין זיין פאמיליע האט שוין אויסגעוואנדערט מיט איינינע מאנאטען פריהער. ער האט אונז געשרי־בען, דאס ער וועט זיכער ניט פארפעהלען אונז צו שרייבען פון דארט, און צו שי־קען זיינע ארטיקלען רעגעלמעסיג פאר דער „גערעכטיגקייט". אבער זייט דאן איז שוין אוועק א היבשע שטיקעל צייט, און מיר האבען נאך גארניט באקומען פון איהם. די ריכטיגע אורזאכע ווייסען מיר ניט. ער האט אבער דא פילע פריינד, מיט וועמען ער שרייבט זיך איבער. מיר וועלען ביי זיי אנפרעגען וועגען איהם ביי דער ערשטער געלעגענהייט.

מ. סיימאן. — מיר האבען גע־לייענט איינינע טעלעגראמען און אויך די פאר ארטיקלען, וואס זיינען ערשינען אין „פארווערטס" פון אב. קאהאן, און מיר זיינען מיט אייך גארניט איינפאר־שטאנען, אז ער איבערטרייבט, אדער, אז ער זעהט ניט די לאגע, ווי זי איז. עס איז פונקט פארקעהרט. קאהאן איז ניט קיין ציוניסט, און אלס אזעלכער איז ער גיכער געווען געניינט צו זעהן די טונקעלע זייט. אבער ער איז דאך ניט בלינד, און ער האט ניט געקענט פארפעהלען צו זעהן דעם ענטוזיאזם, וואס הערשט דארט צווי־שען די אידישע פיאנערען. און עס לייגט זיך זעהר אויפ'ן שכל, אז עס איז טאקע אזוי. ענטוזיאזם מוז דארט הערשען. קיי־נער קען ניט זיין קיין פיאנער און ניט פיה־לען זיך שטארק באגייסטערט פאר דעם, וואס ער גיהט אויפטאן. די פיזישע כוחות וואלטען עס קוים, קוים אויסגע־האלטען. מיט באגייסטערונג קען מען אבער די גרעסטע שוועריגקייטען איבער־קומען. זוי לאנג די באגייסטערונג וועט און קען אנהאלטען, דאס איז שווער צו זאגען. מיר דענקען אבער, אז די דאר־טיגע ,יונגע אידען מוזען דארט פשוט פון דער נויט מאכען א טוגענד, און טאן דאס בעסטע אונטער די אומשטענדען, צו קענען זיך ווי עס איז „פריסטראיען". ווארום, וואוהין קענען זיי פאהרען אז דא, אין אמעריקא, זיינען די טירען פאר־שלאסען פאר זיי און אין די לענדער, פון וועלכע זיי קומען, ווארטען אויף זיי נאך ערגערע צרות, ווי זיי מוזען עס אויס־שטעהן אין פאלעסטינא? אין פאלעס־טינא האבען זיי וועניגסטענס די האפ־נונג, אז זיי וועלען אויפבויען עטוואס אייגענעס, בעת אין זייערע געבורטס־לענדער האבען זיי געהאט אויסצושטעהן די שוידערליכסטע באליידיגונגען און פארפאלגונגען, אלס מענשען און אלס אי־דען. מיר זיינען אויך פון דער מיינונג, אז קאהאן האט אויף א האר ניט איבער־טריבען דעם סאציאליסטישען און קאמו־ניסטישען אופן פון דעם צוזאמענלעבען אין געוויסע קאלאניעס. און, מיר דענקען, אז עס איז ניט אזוי געווען די קאמוניס־טישע און סאציאליסטישע איבערצייגונ־גען, וואס האבען בייגעטראגען דערצו, ווי די אויסערסטע נויט. וואס עס וועט ווע־רען פון די דאזיגע קאמוניסטישע קא־לאניעס אין א צייט ארום, ווען די מענ־שען דארט וועלען קומען א ביסעל צו זיך, דאס קען מען ניט וויסען. עס קען זיין, אז דער שיקזאל פון די קאלאניעס וועט זיין דערזעלבער, ווי פון פילע אנדערע קא־לאניעס פון דעמזעלבען כאראקטער אין אמעריקא און אין פילע אנדערע לענדער, און עס וועט פון זיי ווערען גארנים מיט גארניט. דער קאפיטאליזם, וועלכער מוז זיך ענטוויקלען אין פאלעסטינא, אויב זי זאל איבערהויפט קענען עקזיסטירען, וועט בייקומען אט די אלע קאמוניסטי־שע פארזוכען. עס קען אבער אויך אנ־דערש פאסירען. צו זאגען עטוואס בא־שטימטעס קען מען ניט. אויך גלויבען מיר ניט, אז אב. קאהאן וועט צוריק קו־מען אלס אן איבערצייגטער ציוניסט. ניין, מיר קענען עס קוים גלויבען. עס איז אבער זיכער, דאס ער סימפאטיזירט מיט דער דארטיגער אידישער טעטיגקייט, און דאס דער „פארווערטס" וועט ניט נאר ניט זיין נעגאטיוו צו אלץ וואס איז נוגע פאלעסטינא, נאר וועט זיין העכסט סימ־פאטיש און וועט ווי ווייט מעגליך העל־פען די דאזיגע פיאנערען אין זייער שווע־רער ארבייט. דער פאקט איז, דאס מיט זיינע טעלעגראמען און בריף האט קאהאן שוין זעהר פיל בייגעטראגען דערצו, אז גאר פילע, פילע „פארווערטס"־לעזער וועלען זיך מיט מעהר סימפאטיע צוטרא־גען צו דער אידעע פון א אידישע היים־לאנד אין פאלעסטינא, ווי זיי האבען עס ביז איצט געטאן. אין באצוג צו דער פראגע, וואס איהר בעריהרט, ראטהען מיר אייך איבערצולייענען א זעהר אינ־טערעסאנטען ארטיקעל פון בן אדיר (אויב מיר מאכען קיין טעות-ניט) אין דעם לעצטען נומער „צוקונפט".

ז. ניעמען. — אייער אנפראגע, ווא־רום עס ווערט ניט אפגעהאלטען די קאנ־ווענשאן אין ניו יארק, וואו די גרויסע מאסען פון די קלאוקמאכער געפינען זיך, און אייער אנצוהערעניש, דאס מסתמא האט מען מורא פאר די גרויסע מאסען, קענען גאנץ לייכט פארענטפערט ווערען. ערשטענס, זיינען די מעהרסטע דעלעגא־טען ניו יארקער און פון ארום ניו יארק, און די מעהרסטע פון זיי זיינען יוניאן־בא־אמטע. ווען די קאנווענשאן זאל אפגע־האלטען ווערען אין ניו יארק, זיינען דא גרויסע שאנסען, אז די דעלעגאטען ווע־לען ניט קענען זיך באפרייען פון זייערע מאמענטאנע יוניאן־פליכטען, און פאלג־ליך ניט זיין אין שטאנד אפצוגעבען זייער גאנצע צייט און אויפמערקזאמקייט צו די קאנווענשאן־פראבלעמען. אויס דעם גרונד קען זיין אין אפילו פילאדעלפיא א ביסעל צו נאהענט פאר א קאנווענשאן, ווייל דאן איז דער נסיון אריבערצופאהרען זיך אין ניו יארק אויף א טאג זעהר גרויס. צווייטענס, איז עס גאנץ ריכטיג, דאס די קאנווענשאן זאל אפגעהאלטען ווערען א ביסעל ווייטלאך פון די גרויסע מאסען, וועלכע, ווי די ערפאהרונג האט באוויזען, קענען לייכט אויפגעהעצט ווערען, און אזוי ארום האבען א שעדליכען איינפלוס אויף דער קאנווענשאן און איהרע בא־שליסע. די קאנווענשאן, אום זי זאל קע־נען טאן איהר ארבייט, ווי עס איז נויטי־ג, דארף בלייבען פארשאנעוועט פון אלערליי דעמאנסטראציעס, וועלכע קע־נען איהר אפשר באאיינפלוסען. די קאנ־ווענשאן איז א גרויסע בעראטונגס־פאר־זאמלונג, וועלכע מוז זיין ווי ווייט מעג־ליך פריי פון אלערליי ליידענשאפטען. דריטענס, אום צו זיין מיט אייך גאנץ אפענהערציג, וואלט די איצטיגע קאנ־ווענשאן באדארפט, מעהר ווי אלע אנ־דערע קאנווענשאנס, אפגעהאלטען ווערען וואס ווייטער פון ניו יארק און פון דעם טומעל פון די אויפגעהעצטע מאסען, ווען עס וואלט אין דעם איצטיגען מאמענט ניט געווען א פראגע פון רייזע־קאסטען... מיר וואלטען געקאנט אייך דערמאנען אן פילע פאקטען אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאנעל, וועלכע וואלטען קלאר באשטעטיגט אונזער מיינונג. אבער אונז דאכט זיך, אז דאס איז ניט נויטיג, און מיר ווילען האפען, דאס איהר וועט צו־פרידען זיין מיט אונזער ענטפער, און טאמער ניט, איז אויך פאהפאלען. יעדענ־פאלס, ווי אייך איז זיכער באקאנט, איז דער באשלוס פאר פילאדעלפיא מיט א צייט צוריק באקאנט געמאכט געווארען דורך דער פרעסע און אויך דורך בריף צו אלע לאקאלס, און קיינער, אזוי ווייט ווי אונז איז באקאנט, האט ניט געהאט דאס מינדעסטע אויסצושטעלען געגען דעם באשלוס.

ק. זלאטאפאלסקי. — מיר קענען ניט און וועלען ניט באגריסען די ניי־ערוועהלטע עקזעקוטיוום און באאמטע אין די דריי לאקאלס, ווייל ערשטענס, האבען זי דאס אויסגעפיהרט אויף א זעהר ניט־יוניאן־מעסיגען אופן. און, צווייטענס, פון דעם, ווי זיי האבען גע־האנדעלט, ווען זיי זיינען אויסערוועהלט געווארען מיט איינינע מאנאטען צוריק, קענען מיר ניט האבען פיל האפנונג, אז זיי וועלען איצט בעסער האנדלען, און דאס זיי וועלען ניט טראכטען וועגען קיין אנדער זאך, ווי גאר וועגען די אינטע־רעסען פון דער יוניאן און איהר מעמ־בערשיפ. פון דעסטוועגען זיינען מיר בערייט מיט'ן גאנצען הארצען זיי צו העלפען אין אלץ, וואס זיי וועלען טאן, ווען מיר וועלען זעהן, אז זיי מיינען עס ערנסט מיט זייערע גרויסע אויפגאבען און פליכטען. איהר דארפט פארשטעהן, אז פערזענליך האבען מיר ניט קיין קריג מיט די מענשען. בלויז איינינע איינ־צעלנע פון זיי קענען מיר, און דאס בלויז פון אויסזעהן. זיי קענען אלע זיין גאנץ גוטע און עהרליכע מענשען, וועלכע זיי־נען פארפיהרט געווארען. איז אויב זיי האבען עס איצט ענדליך איינגעזעהן, און וועלען האנדלען ווי עהרליכע, פאראנט־ווארטליכע מענשען דארפען האנדלען, וועלען מיר זיין פון די סאמע ערשטע זיי צו באגריסען. אויב ניט, וועלען מיר געוויס ניט פארפעהלען אזוי לאנג ווי מיר וועלען נאך זיין אויף אונזער פאס־טען — און דאס איז נאר א פראגע פון א פאר וואכען — אנצואווייזען אויף דעם. איבעריגנס קען מען ניט ערווארטען, דאס אין די פאר וואכען קענען זיי אדער וועלען זיי אויפטאן פיל גוטעס, אדער שלעכטס. זיי זיינען צו שטארק פארנומען מיט פאליטיק. וואס אנבא־טרעפט זייער באנקעט, אויף וועלכען זיי האבען געפייערט זייער זיג איבער דעם שונא, באטראכטען מיר עס פאר א פאל־שטענדיגען ברוך פון דעם זאגענאנטען פרידען, אבער כאפע דערפאר, ווייל די קאנווענשאן איז אזוי נאהענט, און זי וועט עס דארפען אפגעבען איהר אור־טייל וועגען אלץ, וואס האט פאסירט, לוינט זיך ניט צו פארברייטען וועגען דעם.

מ. דובנאוו. — די פראגע וועגען אמאלגאמיישאן איז גאנץ קלאר און גרינדליך באהאנדעלט געווארען צו־פאר־שידענע צייטען אין דעם משך פון די לעצטע זיבען יאהר אויף די בלעטער פון „גערעכטיגקייט". דא קענען מיר זאגען אין קורצען, דאס פאר אונז איז די אמאלגאמיישאן פראגע ניט קיין פרינצי־פיעלע פראגע, נאר א פראגע פון אומ־שטענדען. עס איז אומזיניג צו באטראכ־טען די אמאלגאמיישאן פראגע פון א פרינציפיעלען שטאנדפונקט, ווייל עס איז ניטא אזא שטאנדפונקט. צו טריי־בען אמאלגאמיישאן ביז צום עקסטרים איז, לויט אונזער מיינונג, דער העכס־טער אבסורד. אזא אמאלגאמיישאן קען און מוז פיהרען צו דער צוזאמענברעכונג פון דער גאנצער יוניאן צוליב פארשידע־נע אורזאכען, וועלכע מיר קענען אייך דא ניט ערקלערען, אבער וועלכע איהר קענט לייכט געפינען, בלעטערענדיג אין דער „גערעכטיגקייט". ווידער איז עס ניט אלע מאל ריכטיג צו האלטען גאנץ קליינע יוניאנס אפגעזונדערט, בעת זיי קענען מיט פיל נוצען ווערען פאר־איינינט. עס ווענדט זיך אלזא אן די אומשטענדען און אן די פארערונגען פון דער צייט און פון דער באשטימטער אינדוסטריע. פאליטישע ריקזיכטען דאר־פען ניט און טארען ניט אריינגעשלעפט ווערען אין דער פראגע: „יא, אדער ניט אמאלגאמיישאן." די פאראייניגונג פון די דריי אפערייטאר־לאקאלס איז געווען אן אומבאדינגטע נויטווענדיג־קייט. אבער צי דער פראצעס פון ווייי־טערער אמאלגאמיישאן זאל ווייטער אנ־געהן, דאס איז א גרויסע פראקטישע פראגע. אמאל קען עס ברענגען מעהר שאדען, ווי נוצען.

צוויי אנשויאונגען וועגען וויידזשעס

פון דר. הערמאן פראנק.

...יינשטימיגער באשלוס פון
...ר קאנווענשאן פון דער „פע־
...און לייבאר" וועגען דער לוין
... דאס איז אויסגעדריקט גע־
... דער רעזאלוציע פון דזשאהן
... האט ממש אין אלע קלאסען
... בירגערליכער געזעלשאפט
...ען א שטורם פון אויפרע־
...גנטריסטונג. די גאנצע קא־
...שע פרעסע פון לאנד האט
...אפגערופען מיט אן ענטשלא־
... שארפער קריטיק, זעהענדיג
...אשלוס א קלארען אפזאג פון
...ודריגער „לאיאלער" ווידזש
... דער פעדערײשאן. איינציגע
... זעהן אפילו אין איהם א
... פון ארבייטער קלאס צו
..." די פארגרעסערונג פון דעם
... פראדוקט, וועלכע די מא־
...ניק שאפט אויף דעם חשבון
... קלאסען. דאס מיינט, לויט
...ויאונג, אן אלגעמיינע פאר־
...פון די לעבענס קאסטען אין
...ערע קריטיקער ווידער, אלס
...שע אנהענגער פון דעם אונ־
... טעכנישען פארטשריט אין
... באטראכטען די נייע לאגע
...עקטע סכנה פאר דעם גלאר־
...ינדרונגס גייסט, וועלכער האט
...אויפגעטאן דא אין לאנד צו
... און פארבילינגען די באק־
...טען פון טאג־טעגליכען לע־

...אט אייגענטליך געגעבען דעם
...ו אזא ענטשיידענעם אנפאל
...יין טעארעטישען באשלוס,
...עדט אין זעהר אלגעמיינע
...ען באשטימטע עקאנאמישע
„...סאציאלע אונגלייכהייט,
...לע אונזיכערקייט און אונ־
...יט מוזען זיך פארמעהרען,
... ארבייטערס רעאלע וויידזש־
... קויף קראפט פון זיין לוין —
...ים דער שטענדיגער פארקיר־
... די ארבייטס שטונדען זאלען
...ן אין דער גלייכער מאס מיט
...רעסערונג פון דער פראדוק־
... אם דאס איז געווען דער
... פון פרעי'ס רעזאלוציע, וועל־
... פארמולירט די נייע וויידזש
... דער „אמעריקאן פעדעריי־
...ייבאר".
...ן צוגלידערט די רעזאלוציע
...ליך פראגע אין איהר פולען
... מען קומען צום באשלוס,

אז אין גרונד האט זי קיין שום נייעם גייסטיגען, אבסטראקטען פרינציפ ניט ארויסגעזאגט. זי רעדט מיט קיין ווארט ניט וועגען דעם סאציאליסטישען לאזונג פון „פולען ארבייטס פראדוקט" אדער דעם פארלאנג פון די אנארכיסטען אפשאפען דעם „סאלאריאט", דאס מיינט די גאנצע וויידזש סיסטעם ווי זי שטעהט און געהט. די רעזאלוציע שטעלט בלויז פעסט די דריי פאלגענדע פאקטען: 1) די אינטערעסען פון דער גאנצער געזעלשאפט פאדערען שטענדיג א פארגרעסערונג און א פארבעסערונג פון דער פראדוקציע; 2) אהן דער פארמעהרונג פון דער קויף קראפט פון פאלק מוז אומבאדינגט אפגעשטעלט ווערען ציטווייליג די פראדוקציע און באשאפען ווערען אן אינדוסטריעלער קריזיס; 3) אום דאס עקאנאמישע לעבען זאל קענען כסדר געהן זיין נארמאלען גאנג, טאר די אלגעמיינע סומע פון די פראדוקטען, וואס פאלט אויף דעם חלק פון דעם ארבייטער קלאס אין דער פארם פון וויידזשעס, ניט זינקען אין פארגלייך מיט דער שטענדיגער שטייגערונג פון דער פראדוקציע אין א צייטאלטער פון א וואונדערליכער טעכנישער אנטוויקלונג.

דיזע דריי איינפאכע עקאנאמישע אמת'ן, ווען מען באטראכט זיי איינציגווייז, האבען אין זיך ניט קיין ברעקעל נייעס אדער איבערראשונג. בלויז א דאנק זייער צוזאמענגעבונדענקייט אין איין געשלאסענער אנשויאונג האבען זיי אין די פאראינטערעסירטע קרייזען באשאפען אן איינדרוק פון א גאנץ נייער עקאנאמישער פילאזאפיע. חויפטזעכליך האט אבער דערביי גע־ווירקט דאס, וואס די דריטע אידעע אין דער רעזאלוציע איז אויף אזא געראטענעם און אויסגעהאלטענעם אופן צונויפגעבונדען מיט די ערשטע צוויי גרונדגעדאנקען, וועלכע זיינען שוין פון לאנג געווארען אלגעמיין אנערקענטע באגריפען צווישען די קאפיטאליסטען גופא.

מען מוז אלזא ארייננקוקען טיפער אין דעם אינווענינסטען כאראקטער פון דער דאזיגער איינפאכער אנשויאונג, כדי צו געפינען די אורזאכען פון איהר קאלאסאלער ווירקונג אויף דער פסיכאלאגיע פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס. פון שטענדיג האט דער אמעריקאנער אונטערנעמער באטראכט דעם גאנצען פראדוקציאנס פראצעס אויסשליסליך פון דעם שטאנדפונקט פון פראדוצענט, וועלכער שטרעבט צו קריגען פאר זיין אונטערנעמונגס קראפט און ארגאניזאציאנס פעהיגקייטען דעם גרעסטען לוין אין דער פארם פון אונבאגרענצטע פראפיטען. די העכסטע מדרגה פון אזא סיסטעם פון פראדוקציע איז דער צענטראליזירטער קאנטראל פון א גאנצען צווייג פון דער אינדוסטריע ווי דאס שטעלט מיט זיך פאר יעדער גרויסער טראסט. מיר זעהן ווירקליך, אז אין קיין לאנד האט דער טראסט ניט דערגרייכט אזא שטופע פון אנטוויקלונג און פארשפרייטונג ווי דא אין אמעריקא. עס איז אבער א גוט באגרינדעטער אמת אין דער עקאנאמישער וויסענשאפט, אז יעדע אסאסיאיישאן פון פראדוצענטען, וועלכע יאגען זיך נאך פראפיטען, איז שטענדיג געגען דעם געזעלשאפטליכען אינטערעס. און דאס איז ווידער גענוג קלאר באשטעטיגט געווארען פון דער אמעריקאנער ווירקליכקייט, וועלכע איז פול מיט סקאנדאליעזע עולות, וואס די טראסטען האבען אפגעטאן אהן א מאס, ניט קוקענדיג אויף אלערליי פאזירענע פארבאטען און באשרענקונגען.

פון דעם שטאנדפונקט פון א פראדוצענט איז קיינמאל קיין גרויסער חילוק ניט צו דער אויסגעארבייטער פראדוקט ווערט פארברויכט אין אייגענעם לאנד, צו ער ווערט עקספארטירט קיין אויסלאנד און דארט פארקויפט מיט פראפיט. פארקערט, קאפיטאליסטישע אונטערנעמער זוכען וואס מעהר איינפלוס אויף די פרעמדע מארקעטס, ווייל זיי האבען שטענדיג מורא, אז דער באגרענעצטער מארקעט אין דעם אייגענעם לאנד וועט ניט קענען איינשלינגען זייער גאנצע פראדוקציע און ברענגען די הויכע פראפיטען, וועלכע זיי ערוווארטען. ווען די נייע מאשינעריען שפארען איין די מענשליכע ארבייטסקראפט און דער פראדוקט פארבילינגט זיך, קריגען די אונטערנעמער נאך בעסערע אויסזיכטען צו קאנקורירען אויף דעם וועלט מארקעט מיט אנדערע לענדער, וועלכע זיינען ריקשטענדיג אין טעכנישען זינען. מיט דעם ערקלעהרט זיך דער שטענדיגער געיעג נאך נייע עקספארט מארקעטס, וועלכער מוז ארויסרופען אינטערנאציאנאלע רייבונגען און פירען שליסליך צו בלוטיגע מלחמות.

נעגען אט דעם דאזיגען קוק פון די קאפיטאליסטען טרעט אבער שטענדיג ארויס, אמאל קלאר און דייטליך, אמאל שטילערהייד און אונבאמערקט, די אנשויאונג פון די פארברויכער, די קאנסיומערס, וואס שטעלען צוזאמען 95 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג פון לאנד. אלס פארברויכער פון די אויסגעארבייטע פראדוקטען שטרעבען זיי ניט צו א פארמעהרונג פון דער פראדוקציע צוליב פראפיטען, נאר צו א פארבעסערטען און א פארשענערטען לעבען דורך דער פארלייכטערונג און פארשנעלערונג פון דער סוירקולײשאן פון די פראדוקטען. זיי זיינען בלויז פאראינטערעסירט דוקא אין דעם, וואס מעהר זאל פארברויכט ווערען אין לאנד גופא. וואס שנעלער און ווירקזאמער עס קומט פאר דער אויסטויש פון די פראדוקטען צווישען פארשידענע טריידס אלץ גליקליכער און געזונטער מוז ווערען דאס לעבען פון די ארבייטער מאסען. די ערשטע און וויכטיגסטע פראדוצענטען פון לאנד — די פארמערס — האבען אין גרונד די גלייכע אינטערעסען ווי די קאנסיומערס, און צוליב דעם גופא זעהען מיר ווי דער קאפיטאליזם רופט זיך אפ פונקט אזוי שלעכט אויף די בעארבייטער פון באדען ווי אויף די פאבריק ארבייטער. לויט ווי עס ווייזען די לעצטע סטאטיסטיקס (פאר דעם יאהר 1922) זיינען פון די 22,500 מיליאן דאלאר, וועלכע זיינען אויסגעגעבען געווארען אין אמעריקא אויף פארם פראדוקטען, אריינגעפאלען צו די פארמערס גופא ניט מעהר ווי 7.500 מיליאן, אלזא בלויז איין דריטעל. די איבערקויפערס און ספעקולאנטען האבען געקראגען 14,500 מיליאן און די אייזענבאהנען די איבעריגע 500 מיליאן דאלאר. די אונפראדוקטיווע עלעמענטען צווישען הענדלער און קרעמער, האבען געווים באקומען מעהר ווי עס קומט זיי פאר זייער מיה, אריינקריגענדיג טאפעל אזוי פיל ווי די פארמערס, וועלכע האבען שווער און ביטער געארבייט צו ארויסברענגען די פראדוקטען פון דער מוטער ערד. ווען די גאנצע ווירטשאפטליכע ארדענונג וואלט זיך געבויט אויף די אינטערעסען פון די קאנסיומערס, וואלט נאטירליך דער רעאלער לוין, די אמת'ע קויף קראפט פון געלט, פון די פארמערס און ארבייטער געוועזן באדייטענד גרעסער ווי ער איז היינט צו טאג. א לעבעדיגער און שנעלער אויסטויש פון די פראדוקטען צווישען שטאדט און דארף אדער פארם וואלט אריינגעטראגען א נייעם לעבען אין דעם שטעהענדיגען זומפ פון דעם אינווענינסטען מארקעט אין אלע קאפיטאליסטישע לענדער.

די ארבייטער זיינען אויפריכטיג און אזוי צו זאגען פון דער נאטור, אינסטינקטיוו, גענייגט צו דער אויפפאסונג

(שלוס אויף זייט 12)

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

...נען מיר שוין דעם מעיאר־
...ן ניו יארק אויך אריבערגע־
...ר, וואס איז די פעולה? קומט
...לד א צוויי־טער־קאמפיין?

...רפאר קען איך ניט שטארק
... האבען אויף דעם עולם, וואס
...ווארדאם גלייכגילטיג געווען
...צטען מעיאר־קאמפיין. קרעפ־
...ווערט דאך אויך מיאוס!

...סטוענען זיינען געווען אין
...יין א פאר קוריאזען, וועלכע
...ס, אז זיי זאלען בלייבען ניט
... אזוי האט די וואירקערס
...ענרעט זיך צו העבס'ען, דעם
... דער סאציאליסטישער פאר־
... פארלאנג אז ער זאל געבען
... צו איהר מעיאר־קאנדידאט,
...ן. דער אנגעגעבענער גרונד
...נאר אן אנטיק שבאנטיקען:
...יינען דאך געזעסען אין פרוי־
...יין און רעמזועלבען פארברע־
...ליך פרעג: קען די חוצפה
...יטער?

...ער קוריאז איז, וואס דער
...ישער קאנדידאט, נארמאן
...ם ענטדעקט, דאס די נאן־
...אליטיקעל קאמיטע פון דער
...רידס און לייבאר קאונסיל
...יק איז ניט מעהר און ניט
... א „פליגעל פון טעמעני־
... דער אמת'ען, זיי האבען גע־
...טען פאר אזעלכע קאנדידא־
...סידי, בירדסלי, מייער לאנ־
... און ז. וו., און געארבייט
... פאר טעמעני פאליטישענס.
... דער וועלכער לאגיק קען די
...ייד און לייבאר קאונסיל אין
...נה'ן, אז די סאציאליסטישע

פארטיי איז א פליגעל פון דער רעפובליקאנער פארטיי, ווייל מיט די וואוטס, וואס זי האט אפגעצויגען פון טעמעני, האט זי פיל געהאלפען דער גרויס־קאפיטאליסטישער רעפובליקאנער פארטיי. מיט דעמזעלבען רעכט וואלט אויך דער סאציאליסטישער קאנדידאט געקאנט ערקלערען די וואירקערס פארטי פאר א „פליגעל פון טעמעני האל". ווארום מיט אפציהען א פאר וואוטס פון דער סאציאליסטישער פארטיי האט זי במילא געהאלפען טעמעני האל, ניט צו דערלאזען אונזער פריינד נארמאן טהאמאס פארנעהמען דעם סיטי האל פון דער שטאדט ניו יארק.

עס איז נויטיג אויך צו באמערקען, אז די ארבייטער־פאליטישענס, וואס באטייליגען זיך אין די נאן־פארטיזאן פאליטיקס, שעהמען זיך גארניט מיט טעמעני האל, ווי אונזער ליבער סאציאליסטישער קאנדידאט מיינט. זייער טאקטיק איז: „זאל זיין פון א קאזאק, אבי צום לעבען"... און מיט דעם פארוואורף, דאס זיי זיינען טעמעני־פאליטישענס, וועט מען זיי ניט פאר'מיאוס'ען זייער נאן־פארטיזאן פאליטיק, ווי זיי רופען עס.

אונזער פאליס־קאמישאנער ענרייט, וועמעס טערמין ענדיגט זיך מיט דער ענדע פון יאהר, איז שוין פארזארגט מיט פרנסה. דער מאן, ווי עס הייסט, און פון וואס איך האב ווירקליך גארניט געוואוסט, איז נאר א סארט ליטעראריש'ער זשעניע. ער איז אי א נאוועליסט, אי א דראמאטורג, און אי א סצענאריא־שרייבער פאר די מאוויס. עס איז ווירקליך שעהן צו האבען פאר א קאמישאנער א קינסטלער פון גאטס גנאדען. איצט וואונדער איך זיך שוין ניט איבער זיינע פאנטאסטישע פלענער, ווי אויסצוראטען פארברעכען אין ניו יארק. א קלייניגקייט עפעס, אז א מענש האט אזא פאנטאזיע צו שרייבען העכסט־אינטערעסאנטע דעטעקטיוו־סטאריעס.

א רחמנות אויף קאיא. ער האט נאך ניט אנגעווארעמט זיך אויף זיין געהויבענער שטעלע, אלס פינאנץ־מיניסטער, און ער איז שוין אויס. און ווער איז שולדיג אין דעם? ניט קאיא, נאר דער פראנצויזישער עולם, וואס האט זיך איינגערעדט, אז קאיא איז אן אמת'ער פינאנץ־מכשף, און דאס ער וועט קענען אזוי מאכען, אז אי די ציג זאל זיין גאנץ, אי דער וואלף זאט. דאס הייסט, אז אי די פראנצויזישע רעגירונג זאל קענען האבען אויף אלע איהרע הצטרכות'ן און אי די טעקסעס זאלען אויך ניט געהעכערט ווערען, אדער, נאך אפשר פיל פארקלענערט ווערען. דאס אבער האט קאיא ניט געקאנט. און דערפאר איז ער געפאלען. ער וואלט זיך געקענט האלטען פיל לענגער, ווען די פראנצויזען אליין וואלטען פון איהם ניט געמאכט אזא פינאנץ־געטשקע. אבער, צוריק גערעדט, ווען זיי האלטען ניט פון איהם אזוי שטארק, וואלט ער, מיט זיין פארגאנגענהייט, קיינמאל ניט צוגעלאזען געווארען צו דער הויכער שטעלע.

און, ווי עס זעהט אויס, וועלען דעמזעלבען שיקזאל טיילען אלע זיינע נאכפאלגער. ווארים עס זיינען דא בלויז צוויי וועגען פאר דער פראנצויזישער רעגירונג: אדער מאכען א טיפען שניט אין אלע איהרע אויסגאבען פאר מיליטאריזם, אדער ארויפלעגען די העכסטע מעגליכע טעקסעס אויף די גרויסע קאפיטאליסטען, ווי די סאציאליסטען פארלאנגען עס. די פראנצויזישע רעגירונג איז דערום צווישען צוויי פייערן, אדער, ווי מען זאגט, צווישען דעם טייפעל און דעם טיפען ים, און דערפאר מוז זי ליידען מפלה נאך מפלה, ביז דאס גאנצע פראנצויזישע פאלק וועט אליין איבערנעהמען די ממשלה, און מיט א דרייסטער האנט איבערהאקען דעם קנופ, אין וועלכען די פראנצויזישע דיפלאמאטען און מיליטאריסטען האבען איהם אזוי שרעקליך פארפלאנטערט.

די מלחמה, וואס האט אויסגעבראכען אזוי פלוצלינג צווישען גריכענלאנד און בולגאריען, און וועלכע וואלט געקענט ווידער איינוויקלען גאנץ אייראפא אין מלחמה־פלאמען, איז דורך דער ליג אוו ניישאנס אפגעשטעלט געווארען. וועלל, איהר מעגט זיך האבען אלערליי טעארעטישע גרינדע געגען דער ליג אוו ניישאנס, אבער אז זי קען אויך זיין א קראפט צום גוטען, דאס איז, לויט מיין מיינונג, גאנץ קלאר און אומבאשטרייטבאר באוויזען געווארען אין דעם פאל.

געווים קען איינער טענה'ן, אז די ליג אוו ניישאנס האט געקאנט ארויסווייזען איהר בריהשקייט בלויז אין א פאל פון צוויי קליינע לענדער, ווי גריכענלאנד און בולגאריען, אבער זי וועט זיין אין גאנצען מאכטלאז, ווען צוויי גרויסע לענדער וועלען זיך כאפען פאר'ן גארגעל. וועל איך זיך וועגען דעם ניט שפארען. דאס וועט ערשט די צוקונפט ווייזען. אבער דערווייל האט די ליג אוו ניישאנס צו איהר קרעדיט, דאס זי האט ניט דערלאזען צו דעם פאנאנדערפלאקערען זיך פון א מלחמה, וועלכע האט געקאנט האבען גאנץ ערנסטע פאלגען פאר גאנץ אייראפא, און, אפשר, פאר דער גאנצער וועלט.

אין פערסיען האט דער פארלאמענט מיט א גרויסער מאיאריטעט אראפגעזעצט דעם שאה, וועלכער לעבט א פרעהליכען טאג אין פראנקרייך. און דערווייל איז נאך קיין טראפען בלוט ניט פארגאסען געווארען. דאס איז ווירקליך א גוטע שטיקעל נייעס. דאס איז א סארט רעוואלוציע, וואס אפעלירט צו אונז. לאמיר האפען, אז די וויטערע ענטוויקלונג פון דער פערסישער רעוואלוציע וועט אנגעהן פונקט אזוי פרידליך, ווי זי האט זיך אנגעפאנגען. איך מוז אבער זאגען, אז אויף דעם איז דא א קנאפע האפנונג, ווייל אין דער איבערקערעניש זיינען שטארק פארוויקעלט די אויל־אינטערע־

זירטע ארבייטערשאפט זאל אויסדריקען איהר סימפאטיע מיט אונזער גערעכטען קאמף און אזוי נאך צוגעבען מוט אונזערע בראווע קעמפער.

אנמערקונג פון רעדאקציע. — עס איז איבעריג צו זאגען, אז די רעזאלוציע איז פון דער קאנווענשאן איינשטימיג אנגענומען געווארען.

קלאוק אפערייטארס

מעמבערס פון לאקאל 2, אויפמערקזאם!

די ערשטע

רעגעלע סעקשאן מיטינגען

אין דעם מאנאט נאוועמבער

וועלען אפגעהאלטען ווערען

דעם מאנטאג, דעם 9טען נאוועמבער

7:30 אווענט שארפ, אין די פאלגענדע פלעצער:

בראנקס:

1. האנטס פאינט פאלאס, 163טע סט. און סאוטהערן בולווארד
2. ארבייטער רינג סענטער, 542 איסט 145טע סט., צווישען סט. ענס און ברוק עוועניוס.
3. בראנקס לייסעאום, 3690—3טע עוועניו, קארנער 170טע סטריט.

הארלעם:

4. פארק וויו פעלעס, 6 וועסט 111טע סטריט.

דאון־טאון:

5. „פארווערטס האל, 175 איסט בראדוויי.
6. מאנהעטען לייסעאום, 66 איסט 4טע סטריט.

וויליאמסבורג:

7. ראיאל פעלעס, 16 מאנהעטען עוועניו.

בראנזוויל:

8. לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סטריט

איסט ניו יארק:

9. רוזעוועלט האל, 602 קליוולאנד סטריט.

בארא פארק

10. ארב. רינג סענטער, 1373 43טע סטריט, נעבען 14טע עוו.

קוני איילענד:

11. ארבייטער רינג סענטער, 3109 סורף עוועניו.

לויט דעם באשלוס פון לאקאל איז יעדער מעמבער פארפליכטעט צו אטענדען אמווייניגסטענס 1 מיטינג א מאנאט, ווען ניט, דארף ער באצאהלען 25 סענט שטראף.

די מיטינגען זיינען פון העכסט וויכטיגקייט און מיר פאדערען אויף אונזערע מעמבערס ניט צו פארפעהלען צו אטענדען און אנטיילנעמען אין אלע פראגען וואס ריהרען אן זייערע אייגענע לעבענס-אינטערעסען.

אלזא, ברידער, טוט אייער פליכט און קומט רעגולער צו די מיטינגען.

עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 2

י. סטיינזאר, טשערמאן. י. בארוכאוויטש, מענעדזשער.

דער

ארבייטער רינג

אין דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

$2,500,000.00 — פארמאגט

83,000 — מיטגלידער

740 — בראנטשעס

דער ארב. רינג שטיצט יעדען וויכטיגען עקאנאמישען און פאליטישען קאמף.

דער ארב. רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE

175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

סטרייק פון די קוילען מיינערס

(פון זייט 7)

גיט זיי א פראפיט פון
א יאהר.
„סטאוו-קוילען" פאר-
ן העכסטען פרייז, און
וואס מעהר פון דעם
שט מען אין דעם אויף
" וואס איז בילינער
יפ'ן טאן. 14 פראצענט
ערט פארקויפט אלס
און דאס גיט זיי ווי-
פון אריבער זיבען הונ-
לאר א יאהר.
ע שורה איז, דאס דער
ערט געמאכט פון די
דעם אופן, באטרעפט
15,0 דאלאר א יאהר.
מעהר ווי א מיליאן

יט געגען דעם, אז די
זאלען אויף אן עהר-
קויפען די פארשידענע
אבער זאלען זיי דער-
דעם עולם. זאלען זיי
וואס זיי פארקויפען,
ויפהערען שרייען, אז
י ניט קיין פראפיטען.
ווא איז אפשטויסענד
יכען מענשען.
נדלונג פון די קוילען-
ן אויף זייער. כאראק-
אריציאנעלע האנדעלס-
ען-אינדוסטריע איז הי
ע אינדוסטריע אין אונ-
שטעלט מיט זיך פאר,
ינער, א נאציאנאלען
יז סיסטעמאטיש אר-
ע צווייגען — אין דער
ין דער טראנספארטא-
ז גאנץ גענוי אויסגע-
קוילען-מאגנאטען מיט
ינציגען צוועק, צו מא-
ע פראפיטען, — אויפן
ילען-מיינערס, און פון
לם וואס ווערט כסדר
יך האב שוין פריהער

האלט איצט, מען דאס
לק וויסען, דאס עס
וועז דער סטרייק וועט
יגטיגען ווינטער וועט
א מאנגעל אין קוילען,
רייזען וועלען אויפגע-
אר מאגנאטען און מא-
ט אנהאלטען ביז די
און די האלסיילערס
סגענוצט פאר זיך דעם
פון דעם סטרייק: ביז
ארקויפען דעם גאנצען
, וואס זיי האבען גע-
און אזוי נאך מאכען
טע פראפיטען, אחוץ

דעם געוועהנליכען פראפיט וואס זיי האבען אין נארמאלע צייטען. נאטירליך, דערביי וועלען זיי מאכען א היפאקריטישען אנשטעל, אז די פאראנטווארטליכקייט פאר דעם סטרייק פאלט אויף די ארבייטער, וועלכע פארלאנגען א העכערונג אויף די וויידזשעס פאר זייער ארבייט, וועלכע איז זעהר אנשטרענגענד און ספעציאליזירט.

איך וויל זאגען, דאס די „יונייטעד מיין וואירקערס אוו אמעריקא", דורך דער רעזאלוציע וואס מיר שלאגען פאר, פארלאנגט, דאס די מיליאנען ארגאניזירטע ארבייטער איבער'ן לאנד, און באזונדערס אין די איסטערן שטאאטען, זאלען מיטהעלפען אין דעם קאמף דורך זייער סימפאטיע; זיי זאלען אויסאיבען זייער איינפלוס צו ערקלערען דעם ברייטען עולם די ריכטיגע סיטואציע און אנווייזען ווי דער ברייטער עולם ווערט אפגענארט.

אונזערע סטרייקענדע קוילען-מיינער וועלען פארטזעצען דעם קאמף. זיי וועלען ניט אפטרעטען פון די גערעכטע פאדערונגען, וואס מיר האבען ארויסגעשטעלט די באלעבאטים. זיי וויסען גאנץ גוט די פאראנטווארטליכקייט וואס ליגט אויף זיי; זיי זיינען אבער איבערצייגט, אז זיי פיהרען א גערעכטען קאמף און זיי וועלען קעמפען ביז צו א זיגרייכען ענד.

עס טוט אונז לייד, וואס דער פובליקום דארף צוליב דעם ליידען. מיר האבען ניט קיין וואונש צו מאכען דעם פובליקום ליידען. דער פובליקום איז אליין שולדיג וואס מען דערלאזט צו אזא לאגע, ערלויבענדיג די קוילען-מאגנאטען אנצופיהרען א קאמפיין פון רויב און שווינדעל און אפנארען דעם פובליקום אויף אזא קאלאסאלען אופן, ווי דאס האט נאך קיין מאל פריהער ניט פאסירט אין דער געשיכטע פון אונזער אינדוסטריעלער צייט.

מיר פארלאנגען, דאס די ארגאני-

פרעסערס

פון קלאוקס

זייט וויסען דאס די ווייער ברעטלאך צו פרעסען וועלוועט און בעליוויע, וואס מיר האבען ביז איצט געמאכט מיט די צוגעפעכטע לייווענד אדער צוגעשלאגען אויף האלץ זיינען ערקלערט געווארען פון אונזער פעקטארי-דאקטאר פאר אומגעזונד צו יוזען, ווען דער גערוך פון די צוואווארימטע פעך און די צופארעטע האלץ קאן ברענגען צו קאנסאמפשאן.

יוזט נאר אונזער נייעם פעטענט מיט די קופערנע לייוועגד, וועלכע איז אנערקענט געווארען פון די גרעסטע עקספערטען אין וואשינגטאן אלס העכסט סאניטארישע ווייער ברעטלאך.

צו באקומען ביי די

אמעריקאן פלאש און וועלוועט פרעס־ באארד קאמפאני

123 פינפטע עוועניו ניו יארק

טעלעפאן אשלאנד 6650-6651

מיר פארקויפען אויך די לייטעסט סטייל ספימערס. טרוקענע סטים מיט א גאראנטיע.

מיר האבען אויך פינקינג מאשינס — די בעסטע אין מארקעט.

...ן ווערט געשיקט ... מעמבערס

, א פאמפלעט וואס
קטיוויטעט פון אונזער
פארטמענט, פאר'ן סי-
, ווערט איצט ארויס-
יצטיגע און געוועזענע
די אינטערנעשאנאל
ען. דאס איז א פאמ-
ען, אין ענגליש און אין
ט דארט געגעבען א
ג פון יעדען קורס און
יף, וואס מען קאן פון

לידער קאנען באקומען
אין עדיוקיישאנאל דע-
איסט 16טע סט. זיי
אנגען מען זאל עס זיי
סט.

...רעקארד

...שאן דעפארטמענט

...ם מיט איינינע וואכען צוריק ארויסגעשיקט א סירקולאר
...ער צו אלע לאקאלס פארלאנגענדיג פון די פינאנץ־
...רעטערע אונז צו לאזען גלייך וויסען וויפיל סטעמפס זיי
...בען פארקויפט דורך די מאנאטען

...אויגוסט און סעפטעמבער

...נבע, די פינקטליכערע סעקרעטערע האבען באלד געענט־
...יט, מאנכע, אבער, האבען זיך נאך ניט אפגערופען, און
...ם זיינען די וועלכע מיר פאדערען אויף באלד אונז צו
...טעלען דיזע וויכטיגע אינפארמאציע.

מיט ברידערליכען גרוס,

H. A. SCHOOLMAN,

Director Record & Pub. Dept., I. L. G. W. U.

אמעריקאנער דאלארס אין פוילען

אלע וואס האבען געשיקט געלט אויף יום-טוב צו זייערע קרובים אין פוילען דורך דער

אינטערנעשאנאל יוניאן באנק

האבען געקראגען אויסגעצאהלט אין

אמעריקאנער דאלארען

אלע געלדער זיינען צוגעשטעלט געווארען צו יעדען איינעם

שנעל, פינקטליך און אין צייט

מיר האבען שוין א סך רעסיטס, וועלכע מיר האבען ערהאלטען מיט די אונטערשריפטען פון די קרובים, וועלכע האבען זייער געלט אפגענומען גראד אין דער צייט ווען די בחלה מיט די בענק אין פוילען איז געווען אין פולען גאנג. די רעסיטס צייגען דעם נאנטען מאנאט סעפטעמבער.

אונזערע פארבינדונגען מיט די בענק אין יוראפ זיינען די בעסטע, די זיכערסטע און די ראיעלסטע, ווייל זיי ווערען קאנטראלירט פון ענגלישען קאפיטאל.

דורך אייער באנק קענט איהר שיקען געלט אהיים דורך פאסט, טעלעגראף און ראדיא אין אמעריקאנער דאלארס אין אלע וועלט טיילען ביז אין הויז אריין, צו די ביליגסטע פרייזען — ניט מעהר ווי עס קאסט אונז די עקספענסעס.

אינטערנעשאנעל יוניאן באנק

21טע סטריט און 5טע עוועניו, ניו יארק

International Union Bank

21st STREET, AT 5th AVENUE

די אידישע אגרי-קולטור (באראן הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט אויסקלאסען וועגען פארמערי און ווי זיך אויפצוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פארם.

ניט קיינע רעפאזיטס איידער איהר באראט זיך מיט אונז.

אונזער ראט און סעט איז אומזיסט פריי. שרייבט אדער קומט פערזענליך.

אפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5, זונטאג — ביז 1 נאכמ.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.

301 E. 14th St., New York City

קויפט אויסשליסליך

קאלאמביא טהעע

צוועטאשני טשאי

ווהייט לילי טהעע

הארלעם באנק און קאמערס

2118 צווייטע עוועניו קאר. 109טע סטריט ניו יארק

פ. מ. פעראַרי, פרעזידענט
פ. עקס מאנקוסא, טשערמאן אוו די באארד
ת. וו. הובארד, וויס-פרעזידענט
פ. פעראַרי, וויס-פרעזידענט
ת. לאזארוס, וויס-פרעזידענט
אנטאני דע פאאלא, קעשיער.

מיר טוען אלע באנק טראנסעקשאנס
אויסגעצייכענטע סייפטי דעפאזיט וואולטס

פיארילא ה. לא גווארדיא, לאיער פון באנק.

לערענט דעזיינינג

איהר קענט פערדינען פון 50 ביז 200 דאלאר וועכענטליך
נעהמט א קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

פון מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און לידיס פאר גארמענטס.
די מיטשעל סקוהל פאר דעזיינינג לערנען צו מאכען פעטערנס, גריידינג, דרייפינג און פיטען קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פאר פאר גארמענטס און מענ'ס קליידער.
געגרינדעט איבער 50 יאהר.
די סקול האט ערדייכט

נייע אידעען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאטען.
א קורס אין דער מיטשעל דעזיינינג סקול מיינט א באלדיגע שטעלע און גוטע ווירדושעס.
א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.
באזונדערע לעסאנס וואס נעבעבען ווערען אין אייער אייגענער שפראך, אום איהר זאלט שנעלער פארשטעהן.
די באדינגונגען פאר'ן אויסלערנען זיך זיינען זעהר לייכט. מיר זיינען די עלטסטע פעשיאן קאמפאניעס אין אמעריקא און מיר פארקויפען פעשיאנס און שניידען אלערליי פעטערנס.
טאג און אווענט קלאסען.
אווענט-קלאסען, מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.
פרייע דעמאנסטרישאן אין אונזער סקוהל.
קומט פערזענליך פאר פרייע אינפארמיישאן.

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

15 וועסט 37טע סטריט, ניו יארק. טעלעפאן פיטצראי 1674.

...בען וואס איז גוט צו וויסען

סובמארינס וועלען באנוצט ווערען אויסצופארשען די קארע פון דער ערד.

אין דער נאהענטער צוקונפט וועט מען די ים מחבלים, די סובמארינס, איינשפאנען און צווינגען זיי טאן ניצליכע, פרידליכע וויסענשאפטליכע ארבייט.

אנשטאט צו זיין דער שרעק פון יעדען איינעם, ווי זיי זיינען דאס געווען אין פארלויף פון דער לעצטער מלחמה, וועלען די סובמארינס רעמאלט געווינען די בעסטע געפיהלען פון דער גאנצער מענשהייט.

מען וועט נאכפאלגען יעדע באוועגונג פון דער סובמארין ניט מיט מורא, נאר מיט האפנונגספולער דערווארטונג.

אזוי האט דערקלערט פראפעסאר הארייס לעם, דער פארזיצער פון דער „בריטיש אסאסיאיישאן פאר די ערוועגסמענט אוו סייענס", אויף איהרער א פארזאמלונג, וואס איז דא ניט לאנג פארגעקומען.

די סובמארינס וועלען באנוצט ווערען פאר דער אויספארשונג פון די דיקסטע און הארטסטע פעלזען פון דער ערד, וואס ליגען אונטערן ים.

פאר דעם צוועק ווערט געפלאנט א נאר נייער מין סובמארין פון דעם האלענדישען געלעהרטען דר. וויקטאר מיינעש. די סובמארין וועט טראגען אינסטרומענטען, וואס זיינען ספעציעל באשטימט פאר דער אויספארשונג פון דער גראוויטאציע ווירקונג פון די פעלזען אויפ'ן דעק פון אקעאן. אזעלכע ווירקונגען ווערען נאך עד היום זעהר ווייניג פארשטאנען.

ביי דער געלעגענהייט האט שוין פראפעסאר לעם דערצעהלט א סך זעהר אינטערעסאנטע זאכען וועגען דער אינגעווייד פון דער ערד, אין וועלכע עניינים ער איז אן אנערקענטער אויטאריטעט.

ער האט דערקלערט, אז דער אלטער געדאנק וועגען א צושמאלצענער פייערדיגער אינגעווייד פון אונזער פלאנעט איז צווישען די וויסענשאפטסלייט שוין לאנג אויפגעגעבען געווארען. שטודירענדיג די באוועגונגען פון די ערדציטערנישע כוואליעס און דורך אנדערע מיטלען, ווייסען מיר איצט, אז די ערד אלס גאנצעס איז אינווייניג אזוי הארט ווי שטאל.

אבער כאטש די אינגעווייד פון דער ערד איז ניט צושמאלצען, איז עס דאך היים, זעהר היים, — האט דער פראפעסאר דערקלערט, — ווייל די אויסערליכע שיכטען דינען פאר א הידראיזאלירענדיגען צודעק, פונקט ווי דער אסבעסטאס צודעק פון א סטים אינדושין.

אין דעם הארץ פון דער ערד, וואס פארנעמט ארום א פערטעל פון דעם גאנצען ערדישען דיאמעטער, געפינט זיך א מאסע פון זעהר געדיכטען מאטעריאל מיט זעהר מאדנע באנעמונגען, — האט פראפעסאר לעם ווייטער דערקלעהרט. — עס גיט נאך לאנגזאם, פונקט ווי שטייפער טאר, אונטער א לאנגער און לאנגזאמער אנשטרענגונג.

אבער דיזעלביגע מאסע באנעמט זיך אזוי, ווי זי וואלט געווען דורכאויס הארט, ווען עס קומען פאר פלוצלונגע שאקס, ווי ערדציטערנישען, אדער אפילו וויבראציעס, וואס האלטען אן טעג און וואכען לאנג.

צוקומענדיג אביסעל נעהענטער צו דער אויבערפלאך פון דער ערד, האט פראפעסאר לעם דערצעהלט, אז ארום זעכציג מייל אין דער טיף געפינט זיך א קלעפעדיגער שיכט, אויף וועלכען די בערג שווימען בוכשטעבליך אום, ווי שוים אויפ'ן וואסער.

צוליב אט דעם האלב-פליסיגען שיכט קאן די ערד זיך ענדערען, קאנען די בערג זיך צוגויפלעגען און די קאנטינענטען קאנען ארומשווימען און דורכמאכען אלערליי ענדערונגען.

...גער פארלעגער ווי... ...וויסען פון באוועגונג ...גען עוואלוציע.

...ט אויס, אז עוואלוציע וועט ...ייבען אין אלע אמעריקאנער ...

...דער ווערדיקט פון די אמע... ...רלעגער, וואס האבען דאך ... אויף א שטיקעל רעה ביים ...ביכער און ביים אויסקלייבען ...ביכער אויף ארויסצוגעבען. ...לעגער האבען מיט זייער ...לאזט וויסען דער וועלט, אז ...ט, וואס איז דא ניט לאנג ...ן געווארען אין דייטאן, טע... אויף זיי ניט געמאכט די ...רקונג.

...יעלע סייענס סופּערווייזערס האט ... מיט אן אנפראגע צו פינף ... אמעריקאנער פארלאג פירמעס ... שטעלען צו דעם גרעסטען טייל ...דביכער, וועלכע ווערען באנוצט ...די אמעריקאנער שולען און ...

...ריקאנער פארלעגער האבען ...שטימיג איגנארירט די אנטי-... באוועגונג. פון די פינף און ...מעס, האבען דריי און דרייסיג ... אז זיי קלייבען זיך ניט צו ...בע ניט אין ענדערונגען, כדי ...גען די פארערונגען פון די ...ציאניסטען. איין פירמע האט ... אז „מיר זיינען איצט ניט ...אכען וועלכע עס איז דער... און נאך איין פירמע האט ...נטפערט.

...ין פארלעגער האט ניט גע... ן, אז ער מאכט וועלכע עס ...נגען.

...רמע האט געלאזט וויסען, אז ... ארבייט, וואס איז באשטימט ...ולס, ווערט שטאף „באנ... ...ים טאקט", אבער עוואלוציע ...רטען פונדעסטוועגען ווי גע...

...ע ענטפערס אבער זיינען גע... ...ענטשידענער. די גרויסע ... האבען נעגעבען אזעלכע ... ווי „נעווענס ניט!" אדער ...וציע האט פאר אונזער פירמע ...רט ניט".

...אטע פראגע איז געווען די ... פון מאדיפיקאציעס אין די ...ר אין אזעלכע געגענטען, וואו ...ציע איז שטארק.

...פילו אין יענע געגענדען איז ...ט געווען דערועלבינער: די ...פארלעגער דארטיגע האבען ... אויף פארשידענע אופנים ... עס האט נעענטפערט איין ...לעגער, וואס פראדוצירט די ...עקסט ביכער פאר די מיטעל... ...ר גרייטען ניט צו קיין שום ...יפלאנען פון אונזערע ביכער ... שטאטען, וואו עס איז פאר... ... עס ווערט אנטמוטיגט צו ...לוציע".

... ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די ...יטער באוועגונג אין אמעריקא? ...ביכטע פון דער אינטערנעשאנאל ...נט ווארקערס יוניאן, פון דר. ... און איהר וועט מיט אלע ...

...מאן און ליבערמאן
לאיערס
262 BROADWAY, NEW...
Telephone: Worth ...

...ו אלע מעמבערס פון דער א. ל. ג. וו. יוניאן

...גיב ארונטער 10 פראצענט פון אייער ביל, ווען איהר קויפט איין אייערע ...גלאזעס, אונטערזוכען און באך אזוי ווייטער אין די „מילידרי שאפ", אין ...ען רעוו, ווען איהר צייגט דעם יוניאן ביכעל אייערען אדער אייער מאנ'ס, ...הלען דעם ביל. — דיזער אפער איז גוט פאר'ן גאנצען מאנאט נאוועמבער.

דעמבום, איינענטימער.

דר. א. בלומענטהאל
באוואוסטער דענטיסט

...ט אן זיין פריוואט אפיס און 69 צווייטע עוו., קאר. 4טע גאס. ...טריטמענטס אין אלע צווייגען פון דענטיסטרי. ...גלידער זיינען ספעציעל איינגעלאדען. טעל. ארטשארד 9265

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.)

אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

...לער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. VII. No. 46. New York, Friday, November 13, 1925 פרייטאג, 13טען נאוועמבער, 1925

...ערטעל יעהרליכער מיטינג פון גענעראל ...קוטיוו באארד פאר דער קאנוועגשאן

...לעזט פאר דעם רעפארט צו דער קאנוועגשאן. — סעקרעטער באראף און די ...ראל בעאמטע גיבען אפ באריכטען פון זייער טעטיגקייט. — גענעראל באארד ...קרעדענשעל קאמיטע זיך גלייך צו פארנעהמען מיט קאנוועגשאן ארבייט.

...ין דער פריה האט ...ל־יעהרליכער מי־ ...וטיוו באארד פון ...לידיס גארמענט ...איז דער לעצטער ...פאר דער קאנ־ ...ערע זאכען, דארף ...ט ווערען די לעצ־ ...דער קאנוועגשאן ...אנעל, וואס וועט ...לפיא דעם 30טען ...טאג, דעם 30טען ...מיטינג ווערט אפ־

...די שורות ווערען ...טאג, איז דער מי־ ...אין פולען גאנג. ...שוין פארגעלעזען ...וואס פארפערטיגט ...קאנוועגשאן. אין ...אנגעריהרט אלע ...געקומען אין אונ־ ...טען־צייט פון דער ...אונזער אינטער־ ...געהאלטען געוואָ־ ...די הייטיגע; און ...באלויכטען לויט ...דעם לעבען פון

...ווערען אויך גע־ ...פאסירונגען אין ...פארגעקומען אין דער צווישען־צייט פון די צוויי קאנוועג־שאנס. וועגען די ענטשיידונגען פון גא־ווערנאר סמיטה'ס ספעציעלער קאמיסיע, וועגען דער איינשטעלונג פון דעם סאני־טארי לייבעל און דעם ארבייטסלאזען אינ־שורענס פאנד אין דער יוניאן, און ווי דאס האט געווירקט אין דער פראקטיקע. און דערביי ווערען אין דעם רעפארט גע־מאכט אינטערעסאנטע באמערקונגען, וואס ווייזען אן אויף די מעלות און די חסרונות, אויף די גוטע און די שלעכטע

(שלוס אויף זייט 12)

דירעקטאר פון לייבעל דעפארטמענט צוריק אין דער היים

דר. הענרי מאסקאוויץ, דער דירעק־טאר פון לייבעל דעפארטמענט אין דעם דזשאינט באארד און סאניטארי קאנ־טראל, איז געווען פאר א קורצע צייט אין אייראפא און איז שוין איצט צו־ריק אין זיין אפיס ביי דער ארבייט אויפצופאסען, דאס דער „פראסאנים", דער סאניטארי לייבעל אין דער קלאוק און דרעס אינדוסטריע פון ניו יארק, זאל פונקציאנירען ווי עס באדארף צו זיין.

דר. מאסקאוויץ איז אויך דער פרע־זידענט פון דער ארגאניזאציע „ארט", און ער איז געווען אין אייראפא אין די אינטערעסען פון דער דאזיגער ארגא־ניזאציע.

לעצטען זונטאג ביינאכט איז אין הא־טעל מעקאלפין פארגעקומען א קאנפע־רענץ אונטער דעם פארזיץ פון ריכטער פענקין, וואו עס זיינען געווען פאר־טרעטער פון ארב. רינג ברענטשעס און לאנדסמאנשאפטען, און דר. מאסקאוויץ האט באריכות איבערגעגעבען וועגען זיינע ערפאהרונגען אין מזרח־אייראפא.

דר. מאסקאוויץ האט דערצעהלט, אז אין בעסאראביען האט ער געפונען אויסגעצייכנטע שולען פאר פראפע־סיעס און פארמעריי, וואס ווערט אויס־געהאלטען פון „ארט". די אידישע פארמערס טוען דארטען גוטע ארבייט, אבער זיי נויטיגען זיך אין הלוואות.

(שלוס אויף זייט 12)

מיטגלידער פון לאקאל 10 הייסען גוט די האנדלונג פון עקזעקוטיוו באארד

א פערזענליכע דערקלערונג פון וויס־פרעזידענט דייוויד דובינסקי, דער מענעדזשער פון קאטערס יוניאן.

די קאטערס יוניאן לאקאל 10 האט דעם מאנטאג אווענט אפגעהאלטען א ספעשעל מעמבער־מיטינג. דער מיטינג איז איינגערופען געווארען וועגען איי־ניגע פראגען, וואס זיינען לעצטענס ארויפגעקומען אויפ'ן טאג־ארדנונג פון דעם לאקאל.

איין פונקט באציהט זיך וועגען וואהלען פאר ביזנעס אידזשענטס פאר לאקאל 10.

אין די אלגעמיינע וואהלען אין דער יוניאן, וואס זיינען לעצטענס פארגע־קומען, האט לאקאל 10 נישט געהאט קיינע קאנדידאטען אויפ'ן באלאט. די קאנדידאטען, וואס האבען אויסגעמאכט אפליקיישאנס פאר ביזנעס אידזשענטס פון לאקאל 10, זיינען ניט ארויף אויפ'ן באלאט, אחוץ איין קאנדידאט, וועלכער האט זיך אויך צוריקגעצויגען. דאס מיינט, אז די קאטערס יוניאן לאקאל 10 איז דערווייל געבליבען אהן ביזנעס אידזשענטס, און דער עקזעקוטיוו

(שלוס אויף זייט 12).

די ערעפענונג פון אונזער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט ווערט געפייערט דעם שבת

די ערעפענונג פון אונזער עדיוקיי־שאנאל טעטיגקייט דעם סיזאן ווערט געפייערט דעם שבת אווענט, 14טען נאוועמבער, אין אדיטאריום פון וואַ־שינגטאן אירווינג היי סקול, אירווינג פליים, צווישען 16טע און 17טע גאסען.

צו דער געלעגענהייט ווערט געגע־בען א קלאסישער קאנצערט, אין וועל־כען עס וועלען זיך באטייליגען די באַ־וואוסטע קינסטלער, סאשא דזשייקאב־סאן, וויאליניסט, און דזשיטא גלאס, סאפראנא זינגערין. נאכ'ן קאנצערט וועט מען טאנצען און זיך אינטערהאל־טען געזעלשאפטליך.

דאס מאל וועט דער אווענט זיין באזונדערס אינטערעסאנט, ווייל עס וועט גלייכצייטיג אויך געפייערט ווע־רען דער אכטער יובילעאום זינט אונ־זער אינטערנעשאנאל יוניאן האט גע־גרינדעט דעם עדיוקיישאנאל דעפארט־מענט און האט אנגעפאנגען אן עדיו־קיישאנאל טעטיגקייט. אונזער אינטער־נעשאנאל איז געווען די ערשטע אר־בייטער ־ ארגאניזאציע אין אמעריקא, וואס האט אנגעפאנגען די עדיוקיישא־נאל טעטיגקייט. איצטער נעהמט שוין די אמעריקאנער ארגאניזירטע ארבייט־טער־באוועגונג אויף דעם זעלבען וועג און אונזער יוניאן איז שוין ניט מעהר איינציג און אליין אויף דעם געביט.

אלזא, דעם שבת אווענט וועלען אלע טעטיגע מיטגלידער פון אונזער יוניאן מיט זייערע פריינד און פאמי־ליעס, ווי אויך די באאמטע, זיך צו־נויפטרעפען אין וואשינגטאן אירווינג היי סקול, אויפ'ן קאנצערט, און פאר־ברענגען אן אנגענעמען אווענט. דער קאנצערט וועט זיך אנפאנגען פונקט 8 אזייגער און דער עולם איז געבעטען צו קומען אין צייט.

די טיקעטס פאר דעם קאנצערט זיינען פריי און מען קאן זיי באקומען אין די לאקאל אפיסעס און אויך אין אפיס פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארט־מענט, 3 וועסט 16טע סט.

די קורסען אין ארבייטער־אוניווערזיטעט

די קורסען אין אינטערנעשאנאל ארבייט־טער־אוניווערזיטעט פאנגען זיך אן דעם שבת ביינאג, דעם 14טען נאוועמבער, אין דער וואשינגטאן אירווינג היי־סקול, רום 530.

די קורסען וועלען אויך פארקומען זונ־טאג אין דער פריה, דעם 15טען נאוועמבער, אין זעלבען פלאץ.

...ערקלערט א סטרייק געגען ...אפאליטאן אפערא קאמפאני

...אפערא הויז האלט ...ואו עס ווערען גע־ ...מען וואס ווערען ...א פארשטעלונגען, ...א הויז איבער דער ...יינען באשעפטיגט ...רעסמאכער, מיט־גלידער פון אונזער לאקאל 38, און מאנכע פון זיי ארבייטען אין דעם שאפ זייט די לעצטע 15 יאהר.

פאר די לעצטע פינף יאהר איז דער שאפ געווען א סטריקט יוניאן שאפ, די מעטראפאליטען אפערא קאמפאני האט געהאט אן אגרימענט מיט דער לידיס טיילארס און קאסטיום דרעסמאכער יו־ניאן, לאקאל 38, וועלכער איז פון צייט צו

(שלוס אויף זייט 10)

די קאנוועגשאן פון דער פאריערס אינטערנעשאנאל יוניאן

דער זיג פון די גריכישע פאר־ארבייטער אין ניו יארק.

מאנטאג אין דער פריה, דעם 11טען נאוועמבער, האט אין באסטאן זיך גע־עפענט די 7טע, צוויי יעהרליכע קאנוועג־שאן פון דער פאריערס אינטערנעשאנאל יוניאן. דיזע קאנוועגשאן איז א פריהער־דיגע קאנוועגשאן, דאס הייסט, זי קומט פאר פריהער ווי זי האט געזאלט פארקו־מען, ווי דאס איז דער פאל ביי אונז, אין אונזער אינטערנעשאנאל, און טאקע אויך צוליב דער זעלביגער אורזאך, — דער כאאס וואס איז געשאפען געווארען אין דער יוניאן דורך א פראקציאנעלען קאמף צווישען „לינקע" און „רעכטע".

די ערשטע זיצונג איז איינגאנצען גע־ווען געווידמעט צו פארבערייטונג ארבייט און אויף אויסצוהערען באגריסונגען פון פארשידענע יוניאנס.

פרעזידענט קויפמאן האט אין זיין ערעפענונגס־רעדע געגעבען אן איבערבליק איבער די אויפטואונגען פון דער אינטער־נעשאנאל זינט דער לעצטער קאנוועגשאן. ער האט באריכטעט וועגען די סטרייקס, וואס זיינען אנגעפיהרט געווארען, און וועגען די ערפאלגרייכע ארגאניזאציאנס־קאמפיינס, אפשטעלענדיג זיך מעהר אויס־פיהרליך אויף די קאמפיינס אין פילאדעל־פיא, שיקאגא, און באסטאן. ער האט אין קורצען באריכטעט אויך וועגען די מיי־נונגס פארשידענהייטען צווישען דער ניו־יארקער דזשאינט באארד און דער אינ־טערנעשאנאל. פרעזידענט קויפמאן האט דערביי אנגעוויזען, אז דער גענעראל אפיס האט זיך די גאנצע צייט באמיהט אנצו־האלטען די אויטאריטעט פון דער אינטער־נעשאנאל, וועלכע איז די גרעסטע און

(שלוס אויף זייט 10)

...ע צאהל מיטגלידער באטייליגט זיך אין די ...ען אין דער קלאוק און דרעס מאכער יוניאן

(שלום פון זייט 1)

...זיינען זיי אריין אין אפיס און ...ן צו דער ארבייט.

...נסטע צאל שטימען אויף די ...האט געצויגען דער קאנדידאט ...אל מענעדזשער, ברודער לואיס ...ר איז געווען דער איינציגער ...אויפ'ן באלאט פאר דעם אמט ...ראל מענעדזשער, און מען האט ...טימען פאר איהם אדער געגען ... האט באקומען 5,379 שטימען ...ן איהם זיינען געווען בלויז ...ען.

...נעמיין, איז אין די וואהלען ...ען דער גאנצער „סלייט", וואס ...ענגעשטעלט געווארען פון א ...ם האט זיך א נאמען געגעבען: ...רעסיווע קלאוק און דרעס-...וועמען די דאזיגע גרופע האט ...ט, יענע זיינען ערוועהלט גע-... די קלאוקמאכער זאגען: „די ... באאמטע זיינען אריינגעפא-...אפים אויף א שליטען" (א

...א פולער צעטעל פון די אלע ...קאנדידאטען:

...נעראל מענעדזשער: לואיס היימאן.

...יידזשענטס פון לאקאל 2: ...עקענשטיין, אייבראהאם בלאק, ...טז, היימאן קרונער, אל. פור-... ליפקין, עליאס מארקס, היי-...ניק, מאריס ראדזשערס, א. ה. לעווינסאן, סאול סטייגליטז, א. ווייס און סעמיועל זעלדין.

ביזנעס איידזשענט פון לאקאל 3: ה. בערקאוויטש.

ביזנעס איידזשענטס פון לאקאל 9: ראובן בערנשטיין, בארנעט קופער, סאול מיללער, נייטהען קאפלאן, פיליפ הערמאן, סעם ווילענסקי און הערי סקור-ניק.

ביזנעס איידזשענטס פון לאקאל 22: ראבערט פארבער, דזשייקאב גאלד-שטיין, מויער קראוועץ, טשאס. זימערמאן, היימאן גראסמאן, פעני גאלאס, פיטער ראטענבערג, איזידאר ווייסבערג, איידא לאסקאוו, ראוז פרעפשטיין, ראוז ווארטיס, בעלא ראטספארד, סעם סטאיל.

ביזנעס איידזשענטס פון לאקאל 23: סעמיועל פרעמעז און מעקס שערמאן.

ביזנעס איידזשענטס פון לאקאל 35: אהרן עבערט, בעני מיללער, מעקס טוכמאן, לואיס בעצאהלער, הערי טאבאל-סקי, אייזיק פיינשטיין און סעמיועל שרייער.

ביזנעס איידזשענטס פון לאקאל 48: אלפרעד אינגולי, עטארע פיקיאנע, ווינסענזא רינאלדי, פרענק קאמונאלע, אנטאניא קאטאנע, באסיליא דעסטי, אינ-נאציא טשיארטשיארי, טשאס. קאראטע-נוטא און מישעלע מאריקאנדא.

ביזנעס איידזשענטס פון לאקאל 89: סאלוואטארע ראוועגא, פרענק ליבער-טי, קארמעלא יאנדאלי, סאלוואטארע אמיקא, אנטאניא קריוועלא, פרענק אליווא און דזשאן קאביאטי.

...ר ווידער-ערעפענונג פון אינטערנעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט

(שלום פון זייט 1)

...ן עס ווערט אנגעוויזען אין ...ף די אלע טעטיגקייטען פון ...קיישאנעל דעפארטמענט פון ...טערנעשאנעל, פאר דעם היינ-...ן, וואס האט זיך נאר וואס ...

... שטיינער איז, זיינען שטענדיג ...בעלנים וואס ווילען זיין ביי ...רט, ווי דער אודיטאריום פון ...באטש ער איז גאר א גרויסער, ...עהמען; און דעריבער דארף ...וזארגען מיט א טיקעט אויף ...; די טיקעטס זיינען פריי, ...מוז האבען א טיקעט אריינ-...

...עטס זיינען פארטיילט גע-...פארציאנעל צו אלע לאקאלס ...אינטערנעשאנעל אין ניו יארק. ...זיך אין די לאקאל אפיסעס. ...גלידער קאנען באקומען די ... אפיס פון זייער לאקאל. יו-...אס ווילען זיכער זיין, אז זיי וועלען אנוועזענד זיין אויפ'ן קאנצערט, דארפען זיך באלד באזארגען מיט א טי-קעט, איידער זיי ווערען פארטיילט. טיקעטס זיינען אויך דא צו באקומען אין אפיס פון דעם אינטערנעשאנעל עדיו-קיישאנעל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע גאס. דער אפיס איז אפען פון 9 אין דער פריה ביז 6 פארנאכט. יעדער טיקעט איז גוט פאר צוויי פערזאן.

זאלען די מיטגלידער זיך באלד בא-זארגען מיט טיקעטס. אהן א טיקעט וועט מען קיינעם ניט אריינלאזען. קומט און פארברענגט א געמיטליכען אווענט.

...מעדיקאל קליניק אין ...ן העלט סענטער

(שלום פון זייט 1)

...רען ביי דער יום-טוב'דיגער ...

...ובילעאום זיינען געלאדען די ...ן באאמטע פון די אינטער-...אקאלס. דער יובילעאום אין ...העלט סענטער פאנגט זיך אן ... 2 אזייגער בייטאג.

...אום אין דענטאל קליניק.

...אהריגער יובילעאום ווערט ...ט אין דעם דענטאל דעפארט-...ם יוניאן העלט סענטער, וואס ...יצט אין א באזונדער היים, ...ע עווענױ. לעבען די 18טע ...אל דעפארטמענט ווערט דער ...פייערט פרייטאג, דעם 6טען ...ון 2 אזייגער בייטאג ביז 7

...ידער פון אונזער אינטערנע-... איינגעלאדען. די באזוכער ...ן דענטאל סאוועניר אלס

...ארטיגער קאנצערט.

...נונג פון אונזער עדיוקיישא-...יים וועט געפייערט ווערען ...ערטיגען קאנצערט און טאנץ, ...דעם 14טען נאוועמבער, אין ... פון די וואשינגטאן אירווינג ...הול, 16טע סט. און אירווינג ...

... מיטגליעדער וועלען זיך בא-...

וואהלען פאר קאנווענשאן דעלעגאטען פון לאק. 22 דעם דאנערשטאג.

(שלום פון זייט 1)

מעהר קיין ראלע ניט, מען ארבייט פאר א „סלייט".

די וואהלען אין לאקאל 35.

די וואהלען אין דער קלאוק פרעסערס יוניאן, לאקאל 35 זיינען פארגעקומען פארגעכטאגנען שבת. די וואהלען זיינען גע-ווען פאר א מענעדזשער און אן עקזעקוטיוו באארד פאר דעם לאקאל, און אויך פאר דעלעגאטען צו דער קומענדער קאנווענ-שאן פון אונזער אינטערנעשאנאל.

אין די וואהלען האבען זיך באטייליגט ארום עלף הונדערט מעמבערס פון דעם לאקאל און עס איז ערוועהלט געווארען דער גאנצער „סלייט" פון די אזוי גערופע-נע „פראגרעסיווע פרעסער".

די פאלגענדע קאנדידאטען זיינען ער-וועהלט געווארען:

אלס מענעדזשער פון לאקאל איז ער-וועהלט געווארען י. גארעצקי; אלס טשערמאן פון לאקאל — מ. גערטשיקאף; די עקזעקוטיוו באארד באשטעהט פון פאלגענדע פערזאנען: ראוטש, דייווי-דאף, בראטקין, מ. גאלדשטיין, מ. גאלד-שמיד, דזש. גאלדשטיין, מ. גרינבערג, פ. ווארטענס, מ. ווייס, ל. קריטצער, קודיא-נעצקי, עפשטיין, ד. פרידמאן, מ. סעילער, וויזנער, גרינשפאן, קראדין, ל. קוזנער, וו. קארנבלאט, ה. קאהען, ה. ליבמאן, ראוויד-סאן.

אלס דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן זיינען ערוועהלט געווארען: גערטשיקאף, דייווידאף, גאלדשמיט, דייווידסאן, פיינ-סטיין, קריצער, ראזענבלאט, קורטינעצ-קי, גארעצקי און ווינשער.

דעם מיטוואך אווענט, דעם 4טען נאוועמבער, וועלען אינסטאלירט ווערען די נייע ערוועהלטע באאמטע פון דעם לאקאל. דער אינסטאליישאן וועט פארקומען אין מאנהעטען ליסעאום האל, אויף דער 4טער גאס. עס ווערט ערווארטעט, אז פרעזידענט זיגמאן זאל אנוועזענד זיין אויף דעם אינסטאליישאן מיטינג.

עס ווילט זיך האפען, אז דער קריג אין דער פרעסערס יוניאן איז פאראיבער; עס וועט זיך האפען דאס די נייע ערוועהל-טע באאמטע פון לאקאל 35 וועלען ארביי-טען פאר'ן וואויל און בעסטען פון דער יוניאן און פון די מיטגלידער. דאס מיינט, אנשטאט זיך צו פארנעהמען מיט „פא-ליטיקס", זאל מען ליבערשט זיך פארנעה-מען מיט טרייד און ארגאניזאציאנס-פראגען, פראגען פון א פראקטישען ווערט פאר די ארבייטער אין די שעפער, פאר די מיטגלידער פון דער יוניאן.

צוויי אנשויאונגען וועגען ווײדזשעס

(שלום פון זייט 8)

פון דעם פראדוציאנס פראצעס דוקא פון א קאנסומענטען שטאנדפונקט. זיי האבען ניט קיין פניעות פון די קאפי-טאליסטען אונטערנעמער אהן אויפהער צו פארמערען די פראפיטען אדער מא-כען געלט, ספעקולירענדיג מיט פרא-דוקטען פון דער פהעמדער ארבייט. דאך זעהן מיר, אז עס פאדערט זיך א גרויסע אויפקלערונגס ארבייט צו אי-בערצייגען די ארבייטער וואס זייערע אינטערעסען פאדערען. ביז איצט זיינען די ארגאניזירטע ארבייטער פון אמערי-קא אין דיזען פרט געווען אין גאנצען אפהענגיג פון די קאפיטאליסטען און האבען איבערגענומען בלינד זייער אנ-שויאונגען אויף די צילען פון דער פרא-דוקציע. אין גייסט פון אזא אויפפא-סונג האבען זיך באשאפען די זעהר אומ-קלארע, אומטייטשדיגע באגריפען פון א „גערעכטען" לוין און „לעבענס לוין". איצט האט אבער דאס לעבען אליין גע-עפענט די ארבייטער די אויגען. די וועלט מלחמה האט ארויסגערופען א גאנצע איבערקעהרעניש אויף דעם וועלט מארקעט. דער אמעריקאנער קאפיטא-ליסט קען ניט אזוי לייכט ווי פריהער האפען אויף א געוואלדיגען עקספארט פון די היגע סחורות. זייענדיג טריי זיין אנשויאונג פון א פראדוקציע צו-ליב פראפיט, זוכט דער קאפיטא-ליסט צו דעקען דעם פארלוסט פון די נייע מארקעטס דורך א פארקירצונג פון די ווײדזשעס אדער א פארמעהרונג פון די מאשינעריען. פאר די פארגאנגענע צוויי יאהר האט זיך די אמעריקאנער פראדוקציע פארגרעסערט אויף 9 פרא-צענט, אין דער צייט ווען די צאהל בא-שעפטיגטע ארבייטער איז קלענער גע-ווארען אויף 3 פראצענט.

אין גרונד איז דער שטאנדפונקט פון די קאפיטאליסטישע פראדוצענטען ניט נאר אונבאגרעניצט נאר אויך קורצ-זיכטיג, ווייל פון אן אונפארמיידליכען קריזיס וועלען אויך זיי מוזען ליידען. אבער די לאנגע געוואהנהייט, די איינ-געגלויבטע זיכערקייט מיט דער אנגע-נומענער עקאנאמישע טעאריע פון פרי-וואטען נוצען, דער אפעטיט צו אונ-באגרעניצטע פראפיטען מאכען די אונ-טערנעמער בלינד און טויב ניט נאר צו די פאדערונגען פון גערעכטיגקייט נאר אפילו צו דער שטימע פון געזונ-טען פארשטאנד.

קליוולאנד קלאוקמאכער יוניאן באנייט אגרימענט פאר א יאהר צייט

(שלום פון זייט 1)

באטים, און דער סעטעלמענט איז גוט-געהייסען געווארען.

פרעזידענט מאריס זיגמאן איז אנווע-זענד געווען אויף דעם מיטינג. ער האט געסטאפט אין קליוולאנד, אהיים-פאהרענ-דיג פון שיקאגא, וואו ער איז געווען עט-ליכע טעג.

מעהר וועגען דער אנגעלעגענהייט וועט זיין געדרוקט אין דער „גערעכטיגקייט" די קומענדע וואך, אין א ספעציעלער קאר-רעספאנדענץ.

דער רעגענשירעם

(שלום פון זייט 5)

וואס פאר א מתנה יענעם צו געבען, אין א רעגענשירעם אלעמאל די פאסיגסטע מתנה.

עס איז נאר צו באדויערען וואס עס איז ניטא קיין סטאטיסטיק פון רעגענשי-רעמס. עס וואלט געווען זעהר אינטערע-סאנט צו וויסען וויפיל רעגענשירעמס עס זיינען פאבריצירט געווארען פאר די 175 יאהר, וויפיל זיינען פארלארען געגאנגען און וויפיל האט מען צוגע'גנב'עט.

יעדענפאלס דארף מען דאנקבאר זיין אונזער אלטער אייראפא, וואס נאך אלע צרות און שלעק וואס זי האט, האט זי נאך געקענט זיך דערמאנען אן דעם געבורטס-טאג פון אונזער אלעמענס געטרייען רע-גענשירעם.

א פערזענליכער בריף

פון דר. דזשארדזש מ. פרייס.

צו די ניו יארקער מיטגלידער פון אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן!

קומענדען נאוועמבער ווערט פינף יאהר זינט אונזער מעדיקאל און דענטאל קליניקס, וואס זיינען פריהער געווען אין 31 יוניאן סקווער, האבען ארויסגעמופט אין דעם יוניאן העלט סענטער, אין 131 איסט 17טע סטריט.

ווי איהר ווייסט, איז די בילדינג געקויפט און איבערגעבויט געווא-רען פאר א היים פאר די מעדיקאל און דענטאל קליניקס, און דאס האט באטראפען ארום הונדערט טוי-זענט דאלאר. דאס איז געטאן גע-ווארען, ווייל עס איז פארשטענד-ליך, אז אין א אייגענער היים קא-נען די קליניקס בעסער דינען די מיטגלידער.

דאס וואס ווערט געטאן אין דעם יוניאן העלט סענטער, אין די מעדיקאל אזוי גוט ווי אין דענטאל דעפארטמענט, איז גוט באקאנט צו מעמבערס פון דער יוניאן. אין דעם העלט סענטער ווערט געגעבען די בעסטע מעדיצינישע און דענ-טיסטישע הילף פאר די מיטגלידער פון דער א. ל. ג. וו. י. די ארבייט ווערט געטאן פון זעהר קאמפע-טענטע דאקטוירים און דענטיסטען, און ווען די מעמבערס קומען אהין פיהלען זיי, אז זיי זיינען אין זייער אייגענער אינסטיטוציע. דער העלט סענטער איז צו יעדער צייט גרייט צו געבען די בעסטע מעדיצינישע הילף און דענטיסטישע טריטמענט.

אז די מיטגלידער פון די אינ-טערנעשאנעל לאקאלס שעצען די גוטע ארבייט וואס דארט ווערט געטאן, באווייזט דער פאקט, דאס אין די לעצטע פינף יאהר האט זיך פארפירפאכט די צאהל פון די פא-ציענטען און די צאהל פון טריט-מענטס אין העלט סענטער. אין דעם לעצטען יאהר האבען מיר גע-געבען צוויי און פופציג טויזענט טריטמענטס, מעדיצינישע און דענ-טיסטישע. דאס מאכט אויס אין דורכשניט מעהר ווי טויזענט א וואך.

איהר ווייסט ווי געפאקט עס איז געווען אין העלט סענטער לעצטען יאהר מיט מענשען, און דאס האט געשטערט די ארבייט. עס איז ניט געווען וואו זיך א קעהר צו טאן. און דערפאר האט דער באארד און דירעקטארס, וואס בא-שטעהט פון די מענעדזשערס פון די ניין לאקאלס, צו וועלכע עס בא-לאנגט דער יוניאן העלט סענטער, באשלאסען, אז דער דענטאל דע-פארטמענט זאל אריבערגעהפען אין א צווייטען פלאץ.

פאר דעם דענטאל דעפארט-מענט איז גענומען געווארען א גרויסער לאפט, אין 222 פערטע עוועניו, אויפ'ן 6טען פלאר, קאר-נער 18טע סטריט, און דארט זיינען אויפגעשטעלט געווארען 25 דענ-טיסטישע שטולען.

אין דערזעלבער צייט איז פאר-גרעסערט געווארען דער מעדיקאל דעפארטמענט, און עס זיינען דארט געמאכט געווארען א סך פארבע-סערונגען. די גאנצע בילדינג אין 131 איסט 17טע סטריט איז אי-בערגעמאכט געווארען, בלויז פאר די מעדיקאל קליניקס.

אין ביידע וועלען ביידע, דער מעדיקאל דעפארטמענט פון דער 17טער סטריט, און דער דענטאל דעפארטמענט פון 222 4טע עוו., פייערען די פארמאלע עפענונג. די מעמבערס פון דער אינטערנעשא-נעל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן זיינען געלאדען צו באזוכען זייער יוניאן העלט סענטער, און זיך באגרוסען מיט די אלע דינסטע, וואס זיי קאנען דארט באקומען, סיי אין דעם מעדיקאל און סיי אין דעם דענטאל דעפארטמענט.